YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv04i08

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 4 Issue 8
February 1922

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 4, Iss. 8)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/158

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, ו.)
אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. IV. No. 8. | New York, Friday, Feb. 24, 1922. | פרייטאג, דעם 24טען פעברואר, 1922 | PRICE 3 CENTS

וואך־ארבייט פאר די וועיסט און דרעס אינדוסטריע

איינער פון די וויכטיגסטע באשליסען אויף דעם לעצטען מיטינג פון אונזער גענעראל עקזעקוטיוו באארד.

איינער פון די סאמע וויכטיגסטע באשליסען אויף דעם לעצטען מיטינג פון אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אין אטלאנטיק סיטי, איז גאנץ געוויס דער באשלוס, עס זאל אנגעפאנגען ווערען א ברייטער קעמפיין אין דער וועיסט און דרעס אינדוסטריע איבער'ן גאנצען לאנד איינצופיהרען וואך־ארבייט אין דער וועיסט און דרעס אינדוסטריע, פונקט ווי דאס איז געמאכט געווארען אין דער קלאוק־אינדוסטריע.

דער באשלוס פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד לויטעט, אז עס זאל אונטערנומען ווערען א ריזיגער קעמפיין איינצופיהרען וואך־ארבייט אין דער דרעס און וועיסט אינדוסטריע, און דער קעמפיין זאל געפיהרט ווערען אונטער דער פערזענליכער לייטונג; אונטער דער פערזענליכער פיהרערשאפט פון פרעזידענט שלעזינגער.

איינצופיהרען וואך־ארבייט אין דער וועיסט־ און דרעס־אינדוסטריע, מיינט פאקטיש צו רעוואלוציאניזירען די ארבייטס־באדינגונגען אין דעם טרייד, און אחוץ דעם וואס מען וועט דערפאר דארפען קעמפען מיט די מאנופעקטשורערס, וועט מען נאך פריהער דארפען אנפיהרען א שטארקען קעמפיין צווישען די ארבייטער, ווי דאס איז אויך געווען דער פאל אין דער קלאוק־אינדוסטריע.

עס זיינען נאך דא גענוג ארבייטער, אין אלע אינדוסטריען און אודאי אויך אין דער וועיסט און דרעס אינדוסטריע, וועלכע טראגען זיך ארום מיט דער נארישער מיינונג, דאס אלס שטיק־ארבייטער זיינען זיי „פרייע מענשען" און אלס וואך־ארבייטער ווערען זיי פארשקלאפט. אזעלכע „חכמים" זיינען אויך געווען אין דער קלאוק־אינדוסטריע. זיי זיינען שוין אבער מעהר ניטא. דיזע מיינונג איז ביי זיי פארשוואונדען, אזוי גיך ווי זיי האבען פארזוכט דעם טעם פון וואך־ארבייט אין א יוניאן־שאפ, און איצטער זיינען אלע קלאוקמאכער גרייט צו קעמפען, אז דער סיסטעם פון וואך־ארבייט זאל ביי

(שלוס אויף זייט 6)

די פאליטישע קאנפערענץ פון די אמעריקאנער ארבייטער

(ספעציעלע טעלעגראמע צו דער „גערעכטיגקייט" פון וויס־פרעז. ה. סקולמאן).

שיקאגא, (20טען פעברואר. מיט דער איינאהמען פון ווארען מ. סטאון, פון די ריילראוד ארבייטער, זיינען דא פארטראטען אויף דער פאליטישער קאנפערענץ אלע פראמינענטע פיהרער פון די אמעריקאנער יוניאנס, און פון אנדערע פראגרעסיווע ארגאניזאציעס.

דער קאנפערענץ האט זיך געעפענט היינט, מאנטאג אין דער פריה, מיט רעדעס פון די פארשיידענע פארטרעטער פון ארבייטער און פארמער־ארגאניזאציעס און אנדערע פראגרעסיווע עלעמענטען. דער פארלאנג צו ארגאניזירען זיך אין א באזונדער פאליטישער פארטיי איז גרויס. ווי עס שיינט, וועלען אלע גרופען, וואס זיינען דא פארטראטען, זיך

(שלוס אויף זייט 16)

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 8.

זייט 2. די וואך — ב. ג.
זייט 3. עניינים פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעס — א סטאף רעפארטער. צוויי מיטינגען פון עקזעקוטיוו באארד לאקאל 60 — מ. שעכטער.
זייט 4. מיטינג פון דזשאינט באארד אין דער וועיסט און דרעס אינדוסטריע — כ. ק. מאקאף. אין דער ריפער מאכער יוניאן, לאקאל 17 — דוש. העלער.
זייט 5. טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען. פארשיידענעס.
זייט 6. די דרעסמאכער'ס יוניאן, לאקאל 45 — כ. גאלדאווסקי. אין א קליין שטעדטעל — מרים קארפילאוו.
זייט 7. אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט. פארשיידענעס.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.
זייט 9. דער מיטינג פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אין אטלאנטיק סיטי — ש. יאנאווסקי. א ווינטער פרימארגען (געדיכט) — מ. פערעלמוטער.
זייט 10. די אלטע אינטריגען אויף א נייעם אינטערשלאק — א. וועלדין. קורץ און שארף — י. ב. ג.
זייט 11. א בראנזלאגישע געשיכטע פון יענעם קלאוקמאכער סטרייק — אלעקסאנדער טראכטענבערג.
זייט 12. „וועמעס נאר?" — ג. ב. לינרער. קורצע שמועסען.
זייט 13. קורצע שמועסען. אדרעסען פון אינטערנעשאנאל לאקאלס.
זייט 14 און 15 — אדווערטייזמענטס.
זייט 16. ביי די קלאוקמאכער אין סינסינעטי. שלוסען פון דער ערשטער זייט.

די נעקסטע אינטערנעשאנאל קאנווענשאן אין קליוולאנד

סעקרעטער באראף שיקט ארויס דעם אפיציעלען קאנווענשאן רוף.

אלזא, קליוולאנד האט געוואונען! אונזער נעקסטע קאנווענשאן וועט זיין אין קליוולאנד, דאס איז דער באשלוס פון די מאיאריטעט שטימען פון אונזערע לאקאלס.

ווי מיר האבען שוין פריהער געמעלדעט, איז אויפ'ן באלאט געווען דריי שטעט, באלטימאר, סינסינעטי און קליוולאנד, און אט איז די צאהל שטימען וואס איז אפגעגעבען געווארען פאר יעדער שטאט:

פאר קליוולאנד 4,554 שטימען.
פאר באלטימאר — 1271 שטימען.
פאר סינסינעטי — 2127 שטימען.

ווי איהר זעהט, האט קליוולאנד געוואונען מיט א היבשער מאיאריטעט שטימען. אונזערע מיטגלידער האבען הפנים געפיהלט אז קליוולאנד קומט גיכער דער כבוד, עס זאל דארטען זיין אונזער נעקסטע קאנווענשאן, ווי די אנדערע צוויי שטעדט.

די ארענדזשמענט קאמיטע

אויף דעם לעצטען מיטינג פון אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, אין אטלאנטיק סיטי, איז אויסגעקליבען געווארען די ארענדזשמענטס קאמיטע פאר דער קאנווענשאן. די קאמיטע באשטייט פון די פאלגענדע פערזאנען: סעקרעטער באראף, וויס פרעזידענט ה. סקולמאן, פון שיקאגא; וויס־פרעזידענט מ. פערלשטיין, פון קליוולאנד, און וויס־פרעזידענט ס. זיידמאן, פון סינסינעטי. דיזע קאמיטע איז שוין ביי דער ארבייט צו מאכען די אלע נויטיגע ארענדזשמענטס פאר דער קאנווענשאן, וואס וועט זיך עפענען די ערשטע וואך אין מאנאט מאי.

די וואך, די ערשטע טעג אין מערץ, וועט סעקרעטער באראף ארויסשיקען צו אלע לאקאלס פון אונזער אינטערנעשאנאל א אפיציעלען קאנווענשאן רוף, די לאקאלס זאלען מאכען וואהלען פאר דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן. יעדען לאקאל וועט אנגעוויזען ווערען צו וויפיעל דעלעגאטען ער איז בארעכטיגט, לויט דער צאהל פון זיין גוטשטעהענדער מיטגלידערשאפט. די לאקאלס וואס האבען א גרעסערע צאהל גוטשטעהענדע מיטגלידער, וועלען זיין בארעכטיגט צו א גרעסער צאהל דעלעגאטען.

וויס פרעזידענט זיגמאן אפגעפאהרען אין די וועסט

אונזער ערשטער וויס־פרעזידענט, מאריס זיגמאן, איז די וואך אפגעפאהרען אין די וועסט פאר ארגאניזאציאנס־ארבייט. ער וועט זיין אין באלטימאר, טאלידא און שיקאגא.

אין באלטימאר קומען פאר געוויסע רייבונגען צווישען די קלאוקמאכער און מאנכע פירמעס און מען דארף דארט עפעס אויסגלייכען.

אין טאלידא איז די לאגע נאך ערנסטער. אויך דארטען קומען פאר געוויסע רייבונגען צווישען די קלאוקמאכער און מאנכע פון די פירמען. אחוץ דעם, פיהרט דארט די יוניאן א סטרייק געגען איין פירמע, און די קלאוקמאכער פון טאלידא האבען פארלאנגט, דאס דער דזשענעראל אפיס זאל שיקען אהין א פארטרעטער פון ניו יארק, אפשר וועט איהם גיכער געלינגען אויסצוגלייכען די טרייד־סכסוכים, וואס זיי האבען דארט.

וואס אנבאלאנגט שיקאגא, איז דארט אויך א ביסעל „טראבעל". דארט איז עס צווישען דעם דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן און לאקאל 100 פון די דרעס מאכער.

מיר האפען, אז ברודער זיגמאן וועט האבען אן ערפאלגרייכע רייזע; דאס עס וועט איהם געלינגען אומעדום אויסצוגלייכען די סכסוכים אויף א צופרידענשטעלענדען אופן.

אינטערנעשאנאל „אפען פארום" אין „פארווערטס" האל דעם פרייטאג

פרעזידענט שלעזינגער וועט איינלייטען די דיסקוסיאן. י. פיינבערג — טשערמאן.

נאך א דיסקוסיאנס־פארזאמלונג פון דעם אינטערנעשאנאל „אפען פארום" וועט אפגעהאלטען ווערען דעם פרייטאג אווענד אין גרויסען „פארווערטס" האל, 175 איסט בראדוויי. אזעלכע דיסקוסיאנס פארזאמלונגען זיינען שוין אפגעהאלטען געווארען אין די פארשיידענע קווארטאלען פון גרויס ניו יארק, אין בראנקס, אין הארלעם און אין בראונזוויל, און דעם פרייטאג אווענד, דעם 24טען פעברואר, וועט דער מיטינג זיין אויף דער איסט סייד, אין „פארווערטס" האל.

אויך אויף דער פארזאמלונג וועט פרעזידענט שלעזינגער איינלייטען א דיסקוסיאן איבער די פראבלעמען פון דער קלאוק־אינדוסטריע, און דער עולם וועט נאכדעם דעבאטירען, אנגעבען זייערע מיינונגען וואס עס דארף געטאן ווערען דיזע פראבלעמען צו לעזען. ברודער י. פיינבערג, דער דזשענעראל מענעדזשער פון דער קלאוקמאכער יוניאן, וועט זיין דער טשערמאן פון דעם מיטינג.

די ערשטע דריי דיסקוסיאנס פארזאמלונגען פון דעם אינטערנעשאנאל „אפען פארום", אין די בראנקס, אין הארלעם און אין בראונזוויל, זיינען געווען א גרויסער ערפאלג אין אלע הינזיכטען. די מיטינגען זיינען געווען גוט באזוכט, דער עולם האט זיך גוט און שעהן געהאלטען! און די דיסקוסיעס זיינען גאנץ אינטעליגענט געפיהרט געווארען. מען קען דעריבער מיט זיכערהייט ערווארטען, דאס דער 4טער מיטינג פון דעם מין, דעם פרייטאג אווענד, אין „פארווערטס" האל, וועט זיך פונקט אזוי גוט אויסצייכענען, ווי די פריהערדיגע פארזאמלונגען אין די אנדערע קווארטאלען.

די פארזאמלונג וועט זיך עפענען אכט אזייגער אין אווענד, און דער עולם איז געבעטען צו קומען אין צייט.

דיזע דיסקוסיאנס־פארזאמלונגען ווערען אראנזשירט פון דעם אינטערנעשאנאל עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, אונטער דער פיהרערשאפט פון אונזער וויס פרעזידענטין, שוועסטער פאניא מ. קאהן.

די קלאוקמאכער יוניאן רופט די מיטגלידער איינצוצאהלען דעם מיליאן דאלאר פאנד

דער דזשאינט באארד פון די ניו יארקער קלאוקמאכער יוניאן האט לעצטע וואך ארויסגעלאזען אן אויפרוף צו אלע מיטגלידער פון דער יוניאן, וועגען דעם מיליאן דאלאר פארטיידיגונגס־פאנד.

לויט א באשלוס פון דעם דזשאינט באארד, איז מיטוואך, דעם 15טען פעברואר, געווען דער ערשטער טאג, וואס איז באשטימט געווארען עס זאל זיך אנפאנגען די ערשטע איינצאהלונג פון פינף דאלאר פאר דעם מיליאן דאלאר פארטיידיגונגס־פאנד, וואס די יוניאן מוז זיך באלד איינשאפען. צו דער געלעגענהייט האט די יוניאן אפגעדרוקט אן אויפרוף, וועלכער איז ארויסגעשיקט געווארען צו אלע מיטגלידער פון דער גרויסער קלאוק, סקוירט און ריפער מאכער יוניאן.

דער אויפרוף לעזט זיך ווי פאלגט:

„צו אלע קלאוקמאכער!
„ווערטהע מעמבערס: —
„מיר שטעהען ווייטער אויפ'ן שוועל פון גרויסע פאסירונגען. אונזער אגרימענט, וועלכען די מאנופעקטשורערס זיי־

(שלוס אויף זייט 16)

לעקטשורס אין אידיש אין הארלעם.

דעם פרייטאג אווענט וועט אין הארלעם, אין „סאשעליסט עדיוקיישאנאל סענטער", 62 איסט 106טע סטריט, פארטגעזעצט ווערען די לעקטשורס אין אידיש איבער „די צילען פון דער ארבייטער באוועגונג", פון מאקס לעווין.

די צווייטע לעקציע לעצטען פרייטאג אב. איז געווען אן ערפאלג. זאל אויך זיין אן ערפאלג די דריטע לעקציע, דעם פרייטאג אווענט.

די דריטע אפען-פארום פארזאמלונג אין בראנזוויל א גרויסער ערפאלג

לעצטען פרייטאג אבענד, דעם 10טען פעברואר, איז אין אינטערנעשאנעל האל אין בראנזוויל אפגעהאלטען געווארען די דריטע אפען פארום פארזאמלונג, וועלכע דער אינט. עדיוקיישאנעל דעפארטמענט פאראנשטאלטעט צו דיסקוטירען די שטעטיגע פראבלעמען אין קלאוק טרייד. די נויטווענדיגקייט פאר א פארזאמלונג פון אזא כאראקטער, וואו פראגען דארפען דיסקוטירט ווערען, קען מען ניט פארזעהען קיין טרייענסטער מענשען. דאס דארף מען ווערען דורך איינע פריי פארזאמלונגען, וואו ביי עטליכע הונדערטע מיטגלידער זאלען זיך צוזאמענקומען. אבער דער באגעהר ביי דער גרויסער מאסע קלאוקמאכער זיך צו באהענגען און דורכדיסקוטירען וועגען זייערע פראבלעמען איז צו שטארק און דעריבער מוז פון יעדער פארזאמלונג אוועקגעהן א טייל ניט באפרידיגט, וועלכע קענען ניט אריינקומען אין האל. בראנזוויל, ווי באקאנט, חוץ דעם וואס עס איז א שאפ-דיסטריקט און דארט געפינען זיך ביי א הונדערט קלאוק שעפער און קלאוקמאכער ארבייטען, איז דארט אויך דא א היבשע צאהל קלאוקמאכער איינוואוינער, וועלכע ארבייטען אין ניו יארק און וואוינען אין בראנזוויל. עס קען פארמעגען מיר אין בראנזוויל א גאר טויזענט פון אונזער קלאוקמאכער משפחה, און אזוי ווי פרעזידענט שלעזינגער איז נאך דאצו געווען א גאסט אין בראנזוויל, איז שוין קיין חידוש ניט וואס דער האל, וועלכער קען מעהר ניט אריינעהמען ווי 600 מענשען, איז געווען געפאקט און נאך אמאל אזוי פיל האבען געמוזט אוועקגעהן אחים ברוגז.

דערפאר איז אבער ניט געווען ברוגז דער עולם וואס איז געווען אינעווייניג אין האל. מיט גרויס באגייסטערונג האבען די אויפגענומען פרעזידענט שלעזינגער, און מיט'ן גרעסטען אינטערעס אויסגעהערט זיין איינלייטונג און אויך זיינע ענטפערס אויף דער דעבאטע. פרעז. שלעזינגער האט, ווי זיין שטייגער, אויף א זעהר איינפאכען און קלארען אופן אנגעוויזען אויף פראבלעמען אין טרייד, וועלכע פאדערען אן ענטפער. אזוי האט ער באריהרט די פראגע פונ'ם אומנארמאלען שטאנד פונ'ם קלאוקמאכערס וויידזשעס, וועלכע בייטען זיך אפט מיט זיין בייטען א פלאץ. די פראבלעמע פון אינסייד און אויטסייד שעפער און וועגען די סאב-מאנופעקטשורערס און קארפארייש'ן שעפער. פרעזידענט שלעזינגער האט די פראגען נאר באריהרט און אילוסטרירט און איז געווען פאראינטערעסירט צו הערען די מיינונגען פון די קלאוקמאכער איבער די פראבלעמען.

אינ'ם לויף פון דער דעבאטע, אין וועלכער א 12-15 רעדנער האבען זיך באטייליגט, זיינען פארשידענע אינטערעסאנטע מיינונגען אויסגעדריקט געווארען, אבוואהל א גרויסע טייל פון אונזערע קלאוקמאכער זיינען נאך ניט גענוי באקאנט מיט דעם כאראקטער פון די „אפען פארום" פארזאמלונגען, און זיינען אין אלגעמיין נאך ניט קיין גענימע דעבאטאנטען, און אנשטאט צו דעבאטירען און זיך באציהען צו די אנגעריהרטע פראגען, ווילען זיי האלטען גלאט א „ספיטש" וועגען דער יוניאן. די מעהרסטע אבער האבען זיך יא באשיינען צו דער פראגע מיט ערנסט און אין פלאטפארם איז עס געווען א זעהר אינטערעסאנטער אבענד.

ביידע, סיי פרעזידענט שלעזינגער און סיי דער עולם, זיינען פון דער פארזאמלונג אוועק זעהר צופרידענע. און דער טשערמאן פון אבענד, בר. א. באבינסקי (דער מענעדזשער פונ'ם בראנזווילער דיסטריקט אפיס), האט דעם עולם פארשפראכען אין דער נאהענטסטער צוקונפט נאך אזא פארזאמלונג צו ארגאנזירען. דעם אינטערעס, וואס די קלאוקמאכער ציינען ארויס צו דיזע מיטינגען איז אזוי גרויס, אז אונז שיינט, דאס דיזער אויפטו פון די אפען פארומס וועט ביי אונז פארבלייבען א שטענדיגע אינסטיטוציע, און די קלאוקמאכער אין די פארשידענע דיסטריקטען מעגען ערווארטען אין דער נאהענטער צוקונפט נאך אזעלכע פארזאמלונגען.

בעת דיזע שורות ווערען געשריבען איז נאך אונז ניט באקאנט, אויב דעם פרייטאג אווענט וועט זיין אן „אפען פארום" מיטינג אדער ניט. ס'ווענדט זיך אן דעם ווען ס'וועט זיך ענדיגען דער מיטינג פון אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אין אטלאנטיק סיטי. אויב דער מיטינג זאל זיך פארציהען, וועט ניט מעגליך זיין פאר פרעזידענט שלעזינגער צו זיין פרייטאג אין ניו יארק איינצולייטען די דיסקוסיע, און דער מיטינג וועט אפגעלייגט ווערען מיט א וואך שפעטער. דער נעקסטער מיטינג וועט זיין אין ניו יארק אויף דער איסט סייד.

אונזערע בראווע וויסט און דרעס-מאכער פון פילאדעלפיא

(שלוס פון זייט 1)

קרבנות אין רוסלאנד און די וויסטמאכער סטרייקער האבען באשלאסען צו געבען פאר דעם „דרייוו" פינף הונדערט דאלאר.

דיזע נאבעלע האנדלונג האט אויפגערודערט די גאנצע פרעסע פון פילאדעלפיא. און „די אידישע וועלט", א טעגליכע צייטונג, שרייבט וועגען דעם ווי פאלגט:

„איינע פון די הארציגסטע סצענען האט זיך אפגעשפילט אויף דעם מיטינג, וואס די סטרייקענדע לידיס וויסט מייקערס האבען אפגעהאלטען אין דעם גרענד פראטערניטי האל, וואו די פראגע וועגען שטיצען דעם רעליף קאמפיין איז פארהאנדעלט געווארען.

ניט אבטענדיג אויף דעם וואס די מיידלאך זיינען שוין עטליכע און צוואנציג וואכען אין סטרייק און קריגען ניט מעהר ווי פינף דאלאר א וואך סטרייק בענעפיט, האבען זיי איינשטימיג באשלאסען אוועקצוגעבען א חלק פון די פינף דאלאר פאר דעם רעליף קעמפיין. די מיידלאך האבען באשלאסען צו געבען 500 דאלאר פאר דעם קעמפיין. אין האל האבען זיך געפונען איבער טויזענד סטרייקערס, צווישען זיי דריי הונדערט קריסטליכע מיידלאך, און זיי האבען פונקט ווי זייערע אידישע שוועסטער איינשטימיג געוואוט צו געבען געלד פאר דעם רעליף קעמפיין. איין שווארצע מיידעל האט זאגאר פארגעשלאגען צו געבען מעהר ווי די סומע, וועלכע איז באשטימט געווארען."

אונזער אינטערנעשאנאל דריקט אויס סימפאטי צו מיינערס ערב זייער סטרייק

די „יונייטעד מיין וואירקערס אוו אמעריקא" שטעהט איצט פאר א גרויסען קאמף. די מיין-מאגנאטען געהעלפט פון וואל סטריט, האבען זיך פארגענומען ארויסצוצווינגען אויף די מיינערס א פארשלעכטערונג פון זייערע וויידזשעס, אבער די ארבייטער זיינען ענטשלאסען אויפצונעהמען א קאמף מיט די מיין-מאגנאטען דאס ניט צו דערלאזען. די לאגע איז דעריבער אן אנגעצויגענע און עס האלט ערב א גרויסען קאמף.

די מיינערס יוניאן איז די שטארקסטע ארבייטער ארגאניזאציע אין אמעריקא און מען קען ערווארטען א גרויסען קאמף, וואס זיין אויסגאנג וועט זיין פון גרויס וויכטיגקייט פאר דער גאנצער ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא. און ווען נויטיג וועט ער געוויס אויך געשטיצט ווערען פון דער גאנצער ארבייטער באוועגונג אין לאנד.

אונזער אינטערנעשאנאל האט אבער נישט געווארט אויף דעם וואס עס וועט זיין שפעטער, און האט שוין באצייטענס אויסגעדריקט איהר סימפאטיע מיט די מיינערס, אין זייער באפארשטעהענדען קאמף, ווי פארשפרעכענדיג יעדע מעגליכע הילף, ווען עס וועט נויטיג זיין. ביי דער ענדע פון לעצטער וואך האט פרעזידענט שלעזינגער געשיקט די מיינערס יוניאן דעם פאלגענדען בריף:

„דזשאהן לואיס, פרעזידענט
יונייטעד מיין וואירקערס אוו אמעריקא,
אינדיאנאפאליס, אינד.

„ווערטער ברודער לואיס:

„מיר פאלגען נאך גאנץ אויפמערקזאם די סיטואציע אין אייער אינדוסטריע, מיר באגרייפען זיי ווייטיג עס איז דער אויסגאנג פון דעם סכסוך פאר די מיינערס פון אייער יוניאן און פאר דער ארבייטער-באוועגונג אין אלגעמיין.

„אונזער ארגאניזאציע איז נאר וואס ארויסגעקומען פון א ביטערען קאמף איבער פיעל פראגען, וואס איז אויך אונז אריינגעצוואונגען געווארען פון די באלעבאטים. ווי האבען זיך פארזוכט אראפצודריקען אונזערע סטאנדארדס. מיר פארשטעהען דעריבער אויסגעצייכנט אין וועלכער לאגע איהר געפינט זיך יעצט, ערב דעם גרויסען קאמף, וואס אייער ארגאניזאציע דארף דורכמאכען.

„לאזט מיר אייך פארזיכערען, דאס אין אייער ענטשלאסענהייט צו פארטיידיגען די אינטערעסען פון די מיינערס, האט איהר די פולע סימפאטיע פון אלע אונזערע מיטגלידער. אויב עס וועט נויטיג זיין, וועט אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן טאן אלץ וואס עס וועט נאר מעגליך זיין צו העלפען די מיינערס פינאנציעל אין זייער קאמף געגען זייערע באלעבאטים. איך בין זיכער, אז ווען איך זאג עס, דריק איך אויס די מיינונג פון יעדען מאן און יעדע פרוי וואס באלאנגט צו אונזער ארגאניזאציע.

„ווינשענדיג אייך ערפאלג, פארבלייב איך ברידערליך אייערע,

בענדזשאמין שלעזינגער,
פרעזידענט אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאן."

אין דער דעזיינערס יוניאן לאקאל 45

לאקאל 45 האט אויך גענאסען פון דעם לעצטען סטרייק, און מיר האבען אריינגעקראגען העכער א הונדערט נייע מעמבערס. פילע האבען אויסגעמאכט אפליקיישאנס אין צייט פון סטרייק, און יעצט לאזען זיי זיך בעטען. זיי דענקען מסתמא, אז די יוניאן וועט זיך פארגעסען אן זיי. מיר ווייסען אבער וואו זיי ארבייטען און מיר וועלען זיי דערמאנען.

די לעדזשער קארדס פון די מעמבערס ציינען, אז פילע זיינען ריקשטעהענד אין דיוס און איינינע זיינען אין גאנצען סוספענדירט פון דער ארגאניזאציע. לעצטע וואך האבען זיך געציינט פיעלע מעמבערס, וואס זיינען געקומען גוט מאכען די יוניאן-קארדס. די איבעריגע, וועלכע זיינען נאך ניט געקומען אפצאהלען זייער חוב, זאלען דאס נעהמען אין אכט און זאלען ניט ווארטען, אז אן אפיסער פון דער יוניאן זאל דארפען קומען צו זיי אין שאפ.

* * *

דער לעצטער ספעשעל מיטינג פון דער יוניאן איז ניט געווען אזוי באזוכט, ווי מען האט ערווארטעט. די אורזאכע פון דעם איז די יעצטיגע קראנקהייט. פילע מעמבערס האבען געלאזען וויסען, אז זיי קענען ניט קומען ווייל אין הויז ביי זיי איז איימיצער קראנק. פילע מעמבערס זיינען געקומען אין אפיס בעטען „ענטלאסונג" פון דעם מיטינג, פאר דער זעלבער אורזאכע.

דאך איז געווען א פיינער מיטינג. עס זיינען פארגעקומען וואהלען פאר אלע אפיסערס פאר דעם לאקאל.

דינסטאג איז געווען אינסטאליישאן פון דעם עקזעקוטיוו באארד און עס איז אויך פארהאנדעלט געווארען וויכטיגע פראגען אין באצוג צו פארשטארקען דעם לאקאל. אויף דעם נעקסטען רעגולער מעמבער-מיטינג וועלען די מעמבערס דארפען באשליסען וועגען דעם.

* * *

מיר האבען באזוכט איינינע שעפער, וואו די דעזיינערס זיינען נאך ניט קיין יוניאן-לייט, און די פירמעס האבען געסיינט אגרימענטס מיט דער קלאוקמאכער יוניאן צו באשעפטיגען א יוניאן-דעזיינער. מאנכע פון די דעזיינערס פון דיזע שעפער זיינען גרויסע חכמים, און אזוי ווי זיי האבען אינדיווידועלע קאנטראקטס מיט די באסעס פאר א געוויסער צייט, ווילען זיי ניט ווערען קיין יוניאן לייט, ניט קוקענדיג אויף דעם וואס די פירמע האט גארניט דאגעגען.

דיזע „קלוגע" דעזיינערס וועלען זיך אין גיכען איבערציינען, אז זיי מאכען א מיסטייק. דער דעזיינער לאקאל איז א מיטגליד פון דער גרויסער קלאוקמאכער יוניאן, און אויב די דעזיינערס וועלען זיין איינגעשפארט געגען דער יוניאן, וועלען זיי נאר אין גיכען זיך איבערציינען, אז זיי וויינען געגען זיך אליין.

די דעזיינערס דארפען אין מיזען האבען א יוניאן, פונקט ווי די אנדערע ארבייטער פון טרייד. אבוואהל זיי מאכען קאנטראקטס מיט די באסעס, דאס איז מיר אויסגעקומען אין דער ערשטער וואך זייענדיג אין אמט צו אטענדען די פינף קאמפלעינטס פון דעזיינערס, און איינינע האבען דירא קאנטראקטען מיט די פירמען...

מ. גאלדאווסקי,
מענעדזשער לאקאל 45.

דער פערטעל-יעהרליכער מיטינג פון אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד

(שלוס פון זייט 1)

געוואנט, שטארק, פרייש און מונטער, פיל מיט נצחון איבער'ן ישונא און ארבייט אויס פלענער פאר ווייטערע קאמפען און ווייטערע זיגען.

קורץ, דער מיטינג אין אטלאנטיק סיטי איז איינער פון די סאמע וויכטיגסטע מיטינגען אין דער געשיכטע פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן. דער רעדאקטאר פון די „גערעכטיגקייט", גענ. ש. יאנאווסקי, איז אין אטלאנטיק סיטי אויף דעם מיטינג און ער וועט נעקסטע וואך איבערגעבען פאר אונזערע לעזער די וויכטיגע פראגען, וואס זיינען אויף דעם מיטינג אויפגענומען געווארען.

א טעאטער פארשטעלונג פאר די פאליטישע פריזאנערס.

דער דראמאטיק קלאב פון די „רענד סקול סטודענטען ליג" אראנזשירט א טעאטער פארשטעלונג פאר מיטוואך אווענד, דעם 22טען פעברואר. די גאנצע איינגאהמע געהט פאר די פאליטישע ארעסטירטע פון אמעריקא. די פארשטעלונג וועט געגעבען ווערען אין דעם רענד אודיטאריום, אין דער רענד סקול 7 א. 15טע סט.

עס וועלען געשפילט ווערען דריי איינאקטיגע פיעסען, וועלכע זיינען פריהער מיט ערפאלג געשפילט געווארען פון די באוואוסטע קינסטלער: „די וואשינגטאן סקווער פלייערס", און אויך פון דער צווייטער פראגרעסיווער טרופע, די „פראווינסטאון פלייערס".

די וואס וועלען קומען צו דער פארשטעלונג וועלען געוויס הנאה האבען און דערביי העלפען א גוטע זאך.

א יוניטי באל פאר רוסלאנד

אלע באזוכער פון די יוניטי הייז וועלען זיך טרעפען ביים

יוניטי באל

דינסטאג אווענט, 21טען פעברואר

(וואשינגטאנ'ס געבורטס-טאג)

אין סטאר קאסינא האל

107טע סטריט. (צווישען לעקסינגטאן און פארק עוועניוס)

דער גאנצער פראפיט געהט פאר די הונגעריגע אין סאוועט - רוסלאנד.

ארראנזשירט פון דזש. באארד אין דער וויסט און דרעס אינדוסטרי.

מ. ק. מאקאוו, סעקרעטער.

ענינים פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע

פון'א סטעף רעפארטער.

ניט לאנג צוריק האט עפעס פאסירט אין פילאדעלפיא, וואס האט דארט אויפגעשטורעמט די עפענטליכע מיינונג, און האט געוויזן קלאר און דייטליך פון וועלכע טייג עס זיינען געקנאטעט די וייסט און דרעס סטרייקער און פון וועלכע טייג עס זיינען געקנאטעט די וייסט און דרעס מאנופעקטשורער, געגען וועלכע די סטרייקער קעמפען שוין שיבער פיר און צוואנציג וואכען.

וואס האט דארט פאסירט?

אין פילאדעלפיא ווערט געמאכט א „דרייוו" פאר א מיליאן דאלאר פאר די אידישע מלחמה קרבנות אין רוסלאנד, און מען קלייבט געלט. מען קלייבט געלט פון איינצעלנע מענשען און פון גאנצע גרופען, פון פאראיינען און געזעלשאפטען.

אין דערביי באקאנט געווארען דער פאלגענדער מערקווירדיגער פאקט: די ארימע, די אויסגעהונגערטע וויסט און דרעס סטרייקער פון פילאדעלפיא, וועלכע שטעהען שוין פיער און צוואנציג וואכען אין סטרייק, האבען ביינעשטייערט צו דעם „דרייוו" פינף הונדערט דאלאר, וועהרענד די וויסט און דרעס מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן, געגען וועלכער די וויסטמאכער סטרייקען, און וועמעס מיטגלידער זיינען גרויסע נגידים אין פארגלייך מיט די ארימע סטרייקער — האט געגעבען נישט מעהר ווי טוויענט דאלאר.

דיזער פאקט איז לעצטע וואך באקאנט געמאכט געווארען אויף א דינער וואס איז געגעבען געווארען מיט'ן צוועק צו זאמלען געלט פאר דעם „דרייוו". אויפ'ן דינער זיינען אויך געווען אנוועזענד וויסט און דרעס מאנופעקטשורערס און ווען זיי האבען געהערט באריכטען וועגען דעם האבען זיי פשוט ניט געהאט וואו זיך אהינצוטאן. הערענדיג מיט וועלכען ענטוזיאזם עס איז דארט אויפגענומען געווארען די ניי־עס וועגען די פינף הונדערט דאלאר נדבה פון די סטרייקער און ווי קאלט עס איז אויפגענומען געווארען דער באריכט וועגען די טוויענט דאלאר, וואס זייער אסס'ן האט געגעבען, האבען זיי דערפיהלט אין זייערע ביינער ווי קליין און נישטיג זיי זיינען אין פארגלייך מיט די העלדישע סטרייקערס פון זייערע שעפער! ניט ווילענדיג האבען זיי געמוזט דערפיהלען, ווי נידעריג זיי שטעהען אין פארגלייך מיט די אפגעריסענע סטרייקער פון זייערע שעפער!

עס איז אן אויסצוג פון א עדיטאריעל אין פילאדעלפיער „פארווערטס", וואס רעדט וועגען דעם ענין:

„. . . שוין דריי און צוואנציג וואכען ווי די פילאדעלפיער וויסט און דרעס מאכער פיהרען אן א קאמף געגען זייערע קנעכטיגע און קליין־קעפיגע באסעס, וועלכע געהערען צו דער מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן. שוין דריי און צוואנציג וואכען ווי די ארימע ארבייטער מיידלאך און מענער האבען קיין ספענט ניט פארדינט. די פילאדעלפיער מאנופעקטשורערס האבען זייערע ארבייטער קיינמאל ניט געצאהלט קיין צו גרויסע ווייזשעס; זיי האבען זיי קיינמאל ניט געגעבען קיין געלעגענהייט, אז זיי זאלען קענען פארשפארען עטליכע דאלאר פאר א „רעגענדיגען טאג", ווי דער אמעריקאנער זאגט. זייערע ארבייטער זיינען אלזא ארימע מענשען, און ספעציעל נאך א קאמף פון כמעט א האלבען יאהר צייט.

„און דיזע ארימע ארבייטער קינדער, צווישען זיי הונדערטער קריסטליכע מיידלאך און מענער, וועלכע זיינען אין סטרייק אזוי לאנג, האבען זיך הארציג אפגערופען צום מיליאן דאלאר פאנד. זיי האבען פון זייערע סטרייק בענעפיט אויסגעגעבען פינף הונדערט דאלאר פאר דעם הייליגען צוועק!

„עס דיזע ארימע ארבייטער קינדער האבען אפגעריסען שטיקלאך ברויט פון זייערע מיילער און זיי האבען געגעבען צו אומגליקליכע, וועלכע זיינען אין א גרויסער נויט.

„און ווען עס איז ביי דעם דינער אנאנסירט געווארען דיזער הערליכער בייזפיל פון כשרות'דיגקייט, האבען אלע, אויסער די וויסט און דרעס מאנופעקטשורערס, וועלכע זיינען געווען דארטען, אויסגעבראכען אין א זעלטענעם ענטוזיאזם. אלע האבען געפיהלט, אז די ארימע קינדער — די ארימע ארבייטער מיידלאך, האבען מיט זייער האנדלונג ארויסגעוויזען דעם הויכען מענשליכען געפיהל, וועלכער לעבט אין זיי און וועלכער רופט ארויס אזוי פיל באוואונדערונג!

„די מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן, וועמעס מעמבערס עס זיינען רייך און לעבען אין לוקסוס, האבען אויך געגעבען געלט פאר דעם קאמפיין . . . זיי האבען אונטערגעשריבען טוויענטי דאלאר אום צו קריגען פון התם פאר א מיליאן דאלאר וועלטליכע כבוד, און עס איז גיכער צו גלויבען, אז זיי האבען דאס אויך ניט געוואלט געבען, נאר זיי האבען עס געמוזט, ווייל זיי האבען זיך ניט געקענט נעבאך אויסרעדען דערפון.

אונזערע פילאדעלפיער וויסט סטרייקער גיבען (500) דאלאר פאר די מלחמה קרבנות. — די נאבעלע טאט דורערט אויף גאנץ פילאדעלפיא און ברענגט אין פארלעגענהייט זייערע באלעבאטים. — וואס וויל א. וואהלינער פון אונזער אינטערנעשאנאל? — איז די אמאלגאמייטער אייביג גערעכט און די אינטערנעשאנאל אייביג אומגערעכט? — א גוט ווארט פאר אונזער לאקאל 104 פון שיקאגא.

„די ארימע ארבייטער מיידלאך האבען די פינף הונדערט דאלאר געגעבען ניט ווייל אימעצער האט זיי געצוואונגען צו געבען, נאר דערפאר, ווייל זייערע מענשליכע הערצער האבען זיי דיקטירט צו העלפען די ליידענדע.

„די מאנופעקטשורערס האבען אויך געגעבען — די רייכע מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן, וועמעס מעמבערס עס באדען זיך אין לוקסוס, האבען געגעבען „גאנצע" טוויענטי דאלאר!

„און די יעניגע מאנופעקטשורערס פון דער אסאסיאיישאן, וועלכע האבען זיך דאן געפונען אין זאל, האבען געוויס געליטען פיפע שמערצען, ווען זיי האבען געהערט, אז זייערע ארבייטער זיינען געווארען אזוי שטארק אפלאדירט פאר זייער נאבעלער טאט.

„די מאנופעקטשורערס האבען אלע מאל געוואלט ארויסציינען זייערע ארבייטער אלס ברוטאלע מענשען, אלס מענשען אהן הערצער. זיי האבען געמאכט אלע מעגליכע פארזוכען זיי צו דיסקרעדיטירען אין די אויגען פון דער באפעלקערונג. פלוצלונג האבען די מאנופעקטשורערס פון דער אסס'ן געקראגען פון זייערע ארבייטער, וועלכע פיהרען יעצט א ברוטאלען קאמף געגען זיי, אזא גרויסען פאטש אין די פנים'ער".

* * *

„וואס האט א. וואהלינער צו אייער אינטערנעשאנאל?" „ווארום איז ער אזוי אנגעשטויסען אויף אייער פרעזידענט שלעזינגער?"

שוין איינינע מאל האבען באקאנטע שרייבער מיר געפרעגט אין דער „קיבעצארניע", אט די צוויי פראגען, און עס איז ביי מיר געבליבען, אז ס'איז טאקע אפשר כדאי נאכצוזוכען די זאך.

אין דער „קיבעצארניע" האב איך אויך געהערט, דאס א. וואהלינער האט יעדען זונטאג אן אפטיילונג אין „די ציים", „די וואך אין דער אידישער פרעסע", און אז אין דער אפטיילונג פארפעלט ער ניט קיין איין זונטאג, ווי א פרומער איד פארפעלט ניט קיין איין טאג צו דאווענען — א „שטאך" צו טאן אונזער אינטערנעשאנאל, פרעזידענט שלעזינגער, די „גערעכטיגקייט", און אפט אלע דריי צוזאמען. איז ביי מיר געבליבען זיך אנצוזעהן א בת, נעמען יעדען זונטאג לעזען אין „ציים" וואהלינער'ס אפטיילונג און זעהן צי עס איז אמת, וואס די לצים זאגען אין דער „קיבעצארניע".

און די לייטע פון „קיבעצארניע" האבען רעכט געהאט. עס איז טאקע אזוי, א. וואהלינער האט טאקע עפעס אזוי משוגע, יעדען זונטאג א טשעפע צו טאן די אינטערנעשאנאל, און ספעציעל פרעזידענט שלעזינגער. וואס ער האט צו זיי איז ניט אזוי לייכט צו טרעפען, אבער אז ער איז גאנץ אנגעשטויסען געגען די אינטערנעשאנאל מיט איהר פרעזידענט, איז גאר לייכט צו זעהן. ווארום, עס געהט ווירקליך ניט אוועק א זונטאג, ער זאל אין זיין פרעסע ניט א טשעפע טאן די אינטערנעשאנאל אדער איהר פרעזידענט.

די לצים אין דער „קיבעצארניע" האבען מיר אויפמערקזאם געמאכט אויף נאך א פאקט וועגען קאלעגע א. וואהלינער. נעמליך, דאס פונקט אזוי גוט ווי ער האט כסדר אויסצוזעצען און קריטיקירען די אינטערנעשאנאל מיט פרעזידענט שלעזינגער, פונקט אזוי גוט האט ער כסדר צו זינגען שבחים פאר דער „אמאלגאמייטער" און צו לויבען הילמאן און שלאסבערג.

און אויך אין דעם האבען די לצים רעכט געהאט. יא, עס איז ווירקליך אזוי! לעזט זיין אפטיילונג „אין דער אידישער פרעסע" און איהר וועט זעהן. איבער דער אינטערנעשאנאל שיט ער כסדר שווארצען מאהן, אויף דער אמאלגאמייטער לאזט ער אפילו א שטויבעלע ניט פאלען. שלעזינגער'ן האט ער אימער צו קריטיקירען, פאר שלאסבערג'ען נעמט ער זיך אימער אן!...

איך מיין דא ניט, חלילה, אנצומאכען א בייזען לעבען צווישען וואהלינער און שלאסבערג'ן; איך בין אויך ניט אויסען צו שטערען דעם שלום בית צווישען „די ציים" און די „אמאלגאמייטער", אבער וואו איז יושר?... ווי איז עס מעגליך, דאס צוויי שניידער יוניאנס, וועלכע זיינען אזוי פיעל ענהליך איינע צו די אנדערע, זאל איינע זיין כלו זכאי און די צווייטע כלו חייב?... קאן עס מעגליך זיין, דאס איין ארגאניזאציע זאל זיין תמיד גערעכט און וואס איהרע הויפט בעאמטע טוען זאל שטענדיג זיין כשר וישר, וועהרענד די צווייטע ארגאניזאציע זאל זיין אייביג אומגערעכט און וואס איהרע בעאמטע טוען זאל שטענדיג זיין שלעכט? פיהלט ניט חבר וואהלינער, אז מיט אזא „שטעלונג" צו דער טרייד־יוניאן באוועגונג, מאכט ער זיך בלויז לעכערליך? ווי קאן מען נעמען ערנסט אזא שרייבער, ווען מען ווייס שוין אפריהער, אז זונטאג, אין זיין פרעסע, וועט ער א לויב טאן די אמאלגאמייטער און א „קיק" טאן די אינטערנעשאנאל; אז ער וועט א גלעט טאן שלאסבערג'ן און א שטאך טאן שלעזינגער'ן?...

פאר היינטיגס מאל וועט גענוג זיין די פאר ווערטער. א צווייטען מאל וועלען מיר אפשר די זאך צוגלידערען, און בעליוו מי, מיר וועלען האבען „פאן".

* * *

די ליידים טיילארס יוניאן פון שיקאגא, דער לאקאל 104, איז געוויס ניט איינער פון אונזערע גרויסע לאקאלס, דערפאר אבער איז ער איינער פון די ענערגישסטע לאקאלס אין אונזער אינטערנעישאנאל יוניאן.

אין דעם שיקאגאער „פארווערטס" פון 13טען פעברואר, אין דער אפטיילונג „וואס עס הערט זיך אין אונזערע יוניאנס", שרייבט גענאסע מארים זיסקינד ווי פאלגט:

„אין דיזע צייטען פון שטורעם און דראנג אין דער ארבייטער באוועגונג, ווען יוניאנס פאלען און ווערען שוואך און הילפלאז, אלס א רעזולטאט פון די אנגריפע וואס די באסעס מאכען אויף זיי, איז אינטערעסאנט צו וויסען אז א קליינע יוניאן, ווי לאקאל 104 ליידים טיילארס, האלט אויס דעם שטורעם און וואס איבערלעבען די שלעכטע צייט, וועלכע האט אזוי פיל געשעדיגט פילע אנדערע יוניאנס.

„די ליידים טיילארס יוניאן האט צו פארדאנקען איהר כח און קראפט די סאלידאריטעט וואס די מעמבערס ציינען ארויס צו זייער ארגאניזאציע.

„טראץ די גרויסע סלעק אין טרייד וואס האט אנגעהאלטען דעם לעצטען יאהר, האבען די מיטגלידער ניט פארלאזען זייער יוניאן און האבען געטאן אלעס וואס זיי האבען געקענט ארויסצוציינען זייער באוואוסטזיין און סאלידאריטעט איינע צו די אנדערע און די 44 שטונדען, 55 דאלאר א וואך און קאנטראל איבער די שעפער איז געבליבען אין קראפט.

„די יוניאן טוט אלעס וואס עס איז מעגליך צו פארזיכערען די מיטגלידערשאפט מיט די צאהלונגען דורך דער שלעכטער צייט און אזוי פיהרענדיג איז די יוניאן געבליבען גאנץ, אומבאריהרט, און די מיטגלידער האפען, אז די בעסערע צייט וועט געפינען לאקאל 104 אין א גוטען צושטאנד.

„צו פארבעסערן די פינאנציעלע לאגע פון לאקאל 104 האט די יוניאן ארראנזשירט א באלל פאר שבת אווענט, דעם 11טען מארטש, און די מיטגלידער וועלען געוויס טאן זייער פליכט צו שאפען די מאטעריעלע מיטלען און צו פיהרען די טעטיגקייטען פון דער יוניאן".

מיר האפען, אז די מיטגלידער פון לאקאל 104 וועלען אויך ווייטער אויסהאלטען די גוטע רעפוטאציע וואס זיי האבען זיך געשאפען אין דער ארבייטער וועלט פון שיקאגא און זייער לאקאל וועט אויך אויף ווייטער בלייבען איינער פון די לעבעדיגע, ענערגישע לאקאלס אין אונזערע רייהען. מען מעג געוויס ערווארטען, דאס דער באל שבת דעם 11טען מערץ וועט זיין אן ערפאלג. עס וועט זיין דער באל פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג אין שיקאגא.

וואהלען אין לאקאל 1 דעם שבת.

דעם שבת, 25טען פעברואר, וועט זיין וואהלען אין דער קלאוק אפערייטארס יוניאן, לאקאל 1, פאר א נייער עקזעקוטיוו באארד. די וואהלען וועלען זיין אין אפיס פון דעם לאקאל, 100 וועסט 21טע סט. שטימען, וועט מען קענען פון 10 אין דערפריה, ביז 5 פארנאכט.

עס איז די פליכט פון יעדען מיטגליד פון לאקאל צו קומען שטימען, און זעהן, אז די בעסטע און פעהיגסטע מענשען אויס'ן באלאט זאלען ערוועהלט ווערען. געדענקט, די וואהלען זיינען דעם שבת.

צוויי מיטינגען פון עקז. באארד לאקאל 60

א ספעציעלער מיטינג איז אפגעהאלטען געווארען דעם 7טען פעברואר אונטער דעם פארזיץ פון ברודער רייז. עס ווערט פארגעבראכט א באריכט פון דעם 8־ער קאמיטע, וועלכע איז ערוועהלט געווארען ארייצוברענגען רעקאמענדאציינען פאר דעם לויפענדען סיזאן.

די פאלגענדע רעקאמענדיישאנס ווערען אנגענומען נאך דעם ווי זיי ווערען דיסקוטירט:

1) ווען א פרעסער ווערט ארויפגענומען פון א צווייטען פרעסער צו דער ארבייט, מוז דער ארויפגענומענער ארבייטער ארבייטען אויף דער סיסטעמע, וועלכע עקזיסטירט אין דעם שאפ. אויב דער פרעסער געפינט אונטערגעפרעסטע ארבייט, דאן איז ער ערלויבט צו ארבייטען ניט מעהר ווי איין וואך פון וואך און דארף באצאלט ווערען פון שטונדע, ניט ווייניגער ווי 1.50 דאלער און פון וואך, ניט ווייניגער ווי 60 דאלער.

2) יעדער פרעסער, וועלכער דארף א פרעסער ביי זיך אין שאפ, מוז אזעלכען נעמען דורך דעם אפיס פון דער יוניאן. די פרעסערס, וועלכע וועלען ניט אויספאלגען דיזען באשלוס, זאל די גריוועגס באארד האבען דאס רעכט צו באשטראפען מיט ניט ווייניגער ווי 25 דאלער פיין.

3) די קאמיטע האט אויך גענומען אין אנבאטראכט די צאהל פרעסערס, וועלכע אונזער טרייד קאן באשעפטיגען, אויך די צאהל מעמבערס פון אונזער לאקאל אין אנדערע לאקאלען, וועלכע זיינען באשעפטיגט אין טרייד און די צאהל פרעסערס וועלכע פארלאזען דעם טרייד פאר פארשידענע אורזאכען און האט באשלאסען, דאס בקיצור 100 נייע מעמבערס זאלען ארייגענומען ווערען אין לויף פון 1 יאהר וועלכע זאלען דארפען דורכגעהן א טרייד עקזאמענעיישאן און זאלען ארייגענומען ווערען בלויז אין 9 מאנאטען, אויסשליסענדיג די מאנאטען אקטאבער, נאוועמבער און דעצעמבער.

4) עס ווערט אויך באשלאסען, דאס די מעמבערס, וועלכע האבען נאך זייערע רויטע דיוס קארדס ניט געביטען און וועלען זיי ניט בייטען אין פארלויף פון צוויי וואכען, זאלען דארפען אפצאהלען אלע שולדען מיט א נייער איינטריטס געלט.

דערמיט ווערט דער מיטינג געשלאסען.

* * *

א צווייטער מיטינג איז אפגעהאלטען געווארען דעם 14טען פעברואר מיט ברודער רייף אלס פארזיצענדער.

דער באריכט פון לעצטען מיטינג ווערט פארגעלעזען און גוט געהייסען. עס ווערען אינסטאלירט אלס עקזעקוטיוו באארד מעמבערס די ברידער: נארעצקי, נעסעס, עבעל און זיסער, וועלכע זיינען ערוועהלט געווארען ביים לעצטען מעמבער מיטינג.

די אפיס קאמיטע ברענגט אריין א באריכט וועגען דער קאנפערענץ, וועלכע איז אפגעהאלטען געווארען יאנואר דעם 12טען פון די אפיס קאמיטעס פון די לאקאלען 22, 25 און 60, ביי וועלכער עס זיינען אויסגעארבייט געווארען פלענער וועגען דער פארוואלטונג פון דער הויז, וואס איז דער איינענטום פון די לאקאלס. אלע רעקאמענדאציאנען ווערען גוטגעהייסען. ברודער מ. שעכטער ווערט ערוועהלט אלס מעמבער אין דער פארוואלטונגס קאמיטע.

עס ווערען פארגעלעזען 2 באריכטען פון דעם דזשוינט באארד פון יאנואר דעם 18טען און 25טען און נאך דעם ווי זיי ווערען דיסקוטירט, ווערען זיי גוטגעהייסען. עס ווערט באשלאסען צו שיקען א צושריפט צו דעם דזשוינט באארד אין באצוג דעם צושריפט פון לאקאל 10, וועלכער ענטזאגט זיך צו באצאלען זיין ביל צום דזשוינט באארד.

עס ווערט פארגעלעזען א רעזיגנאציאן פון ברודער באכמאן פון דער קאמיטע, וועלכע דארף אויסהערען די קלאגען פון ברודער פאירער געגען ברודער וואסילאווסקי, וועלכע ווערט צוריק געוויזען. דער סעקרעטאר מענעדזשער ברודער נ. שעכטער ברענגט אריין א פינאנציעלען באריכט פאר די מאנאטען אקטאבער, נאוועמבער און דעצעמבער און נאך דעם ווי ער ווערט אויסגעהערט ווערט באשלאסען, דאס די דיסקוסיאן זאל אפגעלעגט ווערען צום נעקסטען מיטינג.

עס ווערט באשלאסען, דאס צוליב דעם, וואס וואשינגטאן בוירטדעי איז דינסטאג, זאל אונזער עקזעקוטיוו באארד מיטינג אפגעהאלטען ווערען מאנטאג אווענט, דעם 20טען פעברואר.

מיט דעם ווערט דער מיטינג געשלאסען.

מ. שעכטער, רעק. סעק.

די וואך

ין ב. ג.

מיינערס זיעלען סטרייקען געגען א וויידזש-פארקלענערונג.

אויף דער נאציאנאלער קאנווענשאן פון דער „יונייטעד מיין וואָרקערס אוו אמעריקא" איז אנגענומען געווארען כמעט אן איינשטימיגער באשלוס ניט צו דער־לאזען פאר קיין פאל, אז די איצטערדיגע סקייל פון וויידזשעס זאל פארקלענערט ווערען. אין אנדערע ווערטער — די מיינערס האבען באשלאסען צו סטרייקען געגען דעם פארזוך פון די קויילען-באַראָנען ארונטערצודריקען דעם ארבייטס־לוין און פארערגערען ארבייטס-באַדינגונגען.

די אייגענטימער פון די ווייך-קויילען מינעס ווילען בכלל ניט פארהאנדלען מיט דער יוניאן וועגען באנייען דעם אגרי־מענט, וועלכער ענדיגט זיך דעם ערשטען אפריל. זיי האבען געלאזט וויסען די ארבייטער אין די פארשידענע דיסטריק־טען, אז פון דעם ערשטען אפריל אן ווע־לען די וויידזש סקיילס פארקלענערט ווע־רען אויף אזוי פיל און אזוי פיל — דאס אלעס. פארהאנדלען מיט דער יוניאן וועגען דעם האבען זיי ניט וואס, ווייל זיי ווילען בכלל ניט וויסען פון דער יוניאן.

פאר די מיינערס איז עס דאריבער מעהר ווי א פראגע וועגען וועהרען זיך קעגען א שכירות שניט פון 20 פראצענט; אין די ווייך-קויילען דיסטריקטען, וועלכע נעמען ארום מעהר ווי א העלפט פון דער גאנצער קויילען אינדוסטריע, וועט אויס־קומען די מיינערס צו פיהרען א קאמף פאר דער סאמע עקזיסטענץ פון דער יו־ניאן, פאר דעם פרינציפ פון קאלעקטי־ווער פארהאנדלונג. נאך דעם ווי האָ־בען יאהרען לאנג געארבייט אונטער דער סיסטעם פון אגרימענטס דורך „קאלעקטיוו בארגיינינג", וועלען איצט די מיינערס מוזען אנהויבען פון דאס ניי זייער קאמף פאר אט דעם עלעמענטארען פרינציפ.

אז די מיינערס האבען ניט בדעה צו בויגען די קעפ פאר די באלעבאטים קען מען זעהן דערפון, וואס ניט נאר האבען זיי באשלאסען ארויסצוגעהן אין א גענ. סטרייק צו פארטיידיגען זייערע איצטיגע שכירות, נאר זיי האבען אויך אנגענומען א רעזאלוציע צו פארערען א זעקס-שטונ־דיגען ארבייטס-טאג, אלס איינעם פון די תנאים פאר א נייעם אגרימענט. די הויפט באַאמטע פון דער יוניאן האבען געראטען די דעלעגאטען ניט ארויסצושטעלען אזא פארערונג אין דער איצטיגער צייט, ווייל דאס וועט בלויז פאַרשאפען איבעריגע שוועריגקייטען אין די פארהאנדלונגען מיט די אייגענטימער. אבער די דעלעגא־טען האבען די דאזיגע פארערונג אנגענו־מען „איבער די קעפ" פון די הויפט בא־אמטע.

ס'איז קיין פראגע ניט, אז די מיינערס שטעהען ערב א גרויסען קאמף, פיליבכט דעם גרעסטען אין דער געשיכטע פון זייער יוניאן, אבער ערב אזא קאמף קומען פאר אינערהאלב דער יוניאן גאנץ ערנסטע אי־נערליכע שטרייטען.

אויף דער קאנווענשאן האט זיך ארויס־געוויזען, אז די יוניאן איז צעטיילט אין צוויי פיינדליכע לאגערען. פרעזידענט לואיס און זיין „מאשין" האבען קוים גע־קאנט צוזאמענקלייבען א גענוגענדע מא־יאריטעט פאר דער איצטיגער אדמיני־סטראציע פון דער יוניאן.

אלעקסאנדער האוואט, דער דיסטריקט־לער פיהרער פון די מיינערס אין קענזעס, איז דער אנפיהרער פון דער אפאזיציע געגען לואיס'ען. האוואט איז מיט א צייט צוריק ארויסגעשלאסען געווארען פון דער יוניאן פאר ניט אויספאלגען דעם באפעל צוריקצורופען דעם מיינער סטרייק אין קענזעס.

האוואט האט געהאט דעם מוט פון זיי־נע איבערצייגונגען און האט זיך געגענגע־שטעלט געגען דעם „אינדוסטריעלען גע־ריכט" פון קענזעס וועלכער האט די מיי־נערס פארבאטען אנצופיהרען זייער סטרייק. ער איז פאר אזא „פארברעכען" באשטראפט געווארען מיט 6 חדשים טור־מע און אלס א צוגאב האט איהם לואיס'עס אדמיניסטראציע באשטראפט מיט אויס־שליסונג. לואיס האט זיך טרויעריג בארימט געמאכט אין דעם סטרייק פון 1919 מיט דעם, וואס ער האט צוריקגע־רופען דעם סטרייק אויף דעם באפעל פון ריכטער אנדערסאן אלס א „גוטער אמערי־קאנער" וואס „וויל ניט קעמפען געגען דער רעגירונג".

אויף דער לעצטער קאנווענשאן האט האוואט ארויסגעהויבען א קאמף געגען זיין אויסשליסונג און אין דער ענדליכער אב־שטימונג האט זיך ארויסגעוויזען, אז כמעט א האלב פון די דעלעגאטען (1952 געגען 2075) האבען געשטימט מיט האַ־וואט'ען און קעגען לואיס'ען.

דאך איז די יוניאן אייניג אין איהר קאמף געגען די באלעבאטים. האוואט און זיינע אנהענגער האבען מיט פאראכ־טונג אפגעווייזענט דעם קלאנג אז זיי ווע־לען „שפאלטען" די יוניאן און גרינדען אן אפאזיציע יוניאן. אין דעם קאמף פאר איהר גאנציקייט, פאר איהר עקזיסטענץ וועלען האוואט און לואיס שטעהן זייט ביי זייט.

ראדיקאלען גרינדען ניט קיין דריטע פארטיי.

די וואס האבען געהאפט אז די קאנ־פערענץ פון ראדיקאלען אין שיקאגא וועט גרינדען א דריטע פארטיי זיינען דערווייל ענטוישט, ווייל די קאנפערענץ האט זיך געענדיגט לעצטע וואך אהן אזא שריט. אויף דער קאנפערענץ זיינען אנ־וועזענד געווען פיהלע פראמינענטע פער־זאנען אלס פארשטעהער פון יוניאנס, פארמער-ארגאניזאציעס און ראדיקאלע פאליטישע גרופע. מאריס הילקוויט און אסקאר האמערינגער זיינען געווען צווי־שען די דעלעגאטען.

דער איינציגער ממשות'דיגער רעזול־טאט פון דער קאנפערענץ איז די גרינדונג פון א „קאמיטע פאר פאראייניגטער פא־ליטישער אקציע". דער פארזוך פון די ראדיקאלערע עלעמענטען צו פארוואנדלען די קאנווענשאן אין א גרינדונגס-פאר־זאמלונג פאר א נייער פארטיי האט זיך ניט איינגעגעבען. א נייע קאנפערענץ פון אומגעפעהר די זעלבע עלעמענטען וועט פארופען ווערען אין א יאהר ארום, און אין די קומענדע וואהלען וועלען די גרופען, וואס זיינען געווען פארטראטען אויף דער שיקאגא'ער קאנפערענץ, דער־ווייל בלייבען פון „אינוועניג" אין די אל־טע פאליטישע פארטייען. ד. ה. זיי ווע־לען זוכען דארט דורכצופיהרען ראדיקאלע פראגראמען און נאמינירען פראגרעסיווע קאנדידאטען.

מאריס הילקוויט, דער אנגעזעהענער פיהרער אין דער סאציאליסטישער פארטיי האט אויף דער קאנווענשאן ביטער באַ־קעמפט די גאר-מעסיגע דעקלאראציעס פון דער מאיאריטעט; ער איז אבער צו דערזעלבער צייט צופרידען מיט די רעזול־טאטען, ווייל די קאנפערענץ „האט אנ־געהויבען עטוואס באשטימטעס" אין דער ריכטונג פון פאראייניגטער פאליטישער אקציע.

אונטער דעם אקציאנס פלאן, וואס איז אנגענומען געווארען אויף דערווייל, וועט די סאציאליסטישע און די פארמער-לייבאר פארטיי אנפיהרען זייערע אייגענע קאמפיינס, וועהרענד די פארשטעהער פון די יוניאנס זיינען אונטער א „דזשענ־טלמענס אגרימענט" צו ארבייטען אין די פריימעריס פאר די צוויי אלטע פאר־טייען, דער רעפובליקאנער און דעמאק־ראטישער.

דערווייל, הייסט עס, איז נאך גאר־נישט ניט געטאן געווארען און כמעט גאר־נישט ניט אונטערנומען געווארען אויף דעם געביט פון פאראייניגען אלע ראדי־קאלע און ליבעראלע עלעמענטען אין איין פארטיי, וואס זאל קאנען ערנסט קאנקו־רירען אין די קומענדע וואהלען מיט די צוויי קאפיטאליסטישע פארטייען. די וואס האבען געהאפט אז פון דער שיקאַ־גא'ער קאנפערענץ וועט ארויסקומען א „לייבאר פארטי" לויט דעם מוסטער פון דער ענגלישער „לייבאר פארטי", זיינען דערווייל אנטוישט. צי די קאנפערענץ, וואס איז באשטימט געווארען אויף דע־צעמבער וועט זיין מעהר ערפאלגרייך אין דעם דאזיגען הינזיכט, בלייבט צו זעהן.

עס גיסט זיך שוין ארבייטער בלוט אין דעם וועבער סטרייק.

די קאזאקען און די גענגסטערס, וואס „האלטען ארדנונג" אין דעם וועבער סטרייק אין די ניו ענגלאנד סטייטס האַ־בען זיך מעהר ניט געקאנט איינהאלטען און געמאכט א בלוטיגען פאגראם אויף די רוהיגע סטרייקער אין פאטוקעט, רהאוד־איילענד. די גאנצע צייט זייט דער סטרייק געהט אן, האבען זיך די סטרייקער פארהאלטען מערקווירדיג רוהיג און ניט געלאזט זיך פראוואצירען דורך די אגענ־טען פון די באלעבאטים צו באגעהן גוואלד־אקטען. ס'איז געווען ביטער פאר די באַ־לעבאטים, ווייל די רוהיגקייט פון די סטרייקער האט זיי ניט געגעבען קיין גע־לעגענהייט צו צעפויקען דעם סטרייק אלס א „בונט", א „רעוואלוציע", א „פארשווע־רונג פון די רויטע" א. ז. וו. די סטריי־קער האבען פארלאזט די וועבערייען אלס פראטעסט געגען דעם פארזוך צו פארקלע־נערען זייערע אזוי אויך קלאגענדיגע שכי־רות און פארגרעסערען זייערע ארבייטס־שטונדען פון 48 אויף 54 א וואך. קיין סקעבס זיינען כמעט ניט געווען, און פון פריהערדיגע ערפאהרונגען ווייסען די ווע־בער, אז וואס מעהר ארדנונג זיי וועלען [illegible] אין זייערע רייען אלץ ווייניגער געלעגענהייט וועלען די באלעבאטים האָ־בען צו דערטריקען דעם סטרייק אין פר־ייער בלוט.

אבער די אגענטען פון וועבעריי מאַג־נאטען איז דערעסען געווארען צו ווארטען ביז די סטרייקער וועלען פראוואצירט ווע־רען אנצוהויבען רייאטס, און זיי האבען אהן שום פארוואס געמאכט א בלוט-באד אויף א מענגע סטרייקער און סימפאטיזי־רער, וועלכע האבען זיך פארזאמעלט נע־בען א פאבריק אין פאטוקעט. די פאליציי האט געשאסען אויף שוצלאזע ארבייטער און איינער איז דער'הרג'עט געווארען און פיר פארוואונדעט געווארען.

דערהערט, אז עס קומען שוין פאר „רייאטס" האבען די באאמטע פון רהאוד־איילענד פארשטארקט די מיליטערישע וואך ארום די פאבריקען און אפגעשיקט מחנות סאלדאטען מיט קאנאנען און מאַ־שין-ביקסען צו האלטען ארדנונג אין די סטרייק געגענדען.

ס'איז אבער א גרויסער ספק, צי אזעלכע מיטלען וועלען האבען די געוואונשטע ווירקונג אויף די סטרייקער. דער סטרייק ווערט גוט געפיהרט און די ארבייטער ווייזען אין זייער אנטשלאסענהייט ניט צוריקצוקערען זיך צו די שקלאפעריי באדינ־גונגען פון אמאל. מיט ביקסען וועט מען זיי צוריק אין די שעפער ניט אריינטריי־בען; און אויסהונגערען וועט מען זיי אויך ניט, ווייל הונגערען ביי די וועבער איז שוין גאר קיין נייעס ניט.

אן אייגענער „פארם בלאק" אין אלבאני.

אלבאני האט זיך ניט וואס צו שעמען פאר וואשינגטאן. ווען וואשינגטאן האט געהאט א פאלמער, האט אלבאני געהאט א לאסק, און איצט אז וואשינגטאן האט א „פארם בלאק", האט אלבאני געצוכען און ארגאניזירט אן אייגענעם „פארם בלאק" און זאלען לייט ניט מיינען, אז די אלבא־ניער געזעצמאכער זיינען קליינשטעדטעל־דיג און ווייסען ניט וואס די לעצטע פא־ליטישע מאדע איז. און, ס'ארט אייך, אונזער אייגענער בלאק האט „אישוס" און טראגט אריין בילס, און פיהרט פאלי־טיק פונקט ווי דער וואשינגטאנער.

צו וואס מיר דארפען דעם בלאק? דאס איז א צו טיפע פראגע. זאל דא זיין גענוג צו זאגען, אז דער הויפט פיהרער פון דעם אלבאניער בלאק איז אונזער אַל־טער פריינד לאסק, יא, דער אמת'ער לאסק, וואס האט זיך [illegible]

[illegible] מיט בהמות. ווען די בילס וועלען אנגענומען ווערען, וועלען די [illegible] וואס האבען [illegible] ניט [illegible] קיין שווינדלעריגע בהמות [illegible] דער פארמער וועט [illegible] ס'איז טאקע א נעמאחר פאר'ן גע־זונט פון די שטאָדט מענשען, וואס וועלען טרינקען די מילך פון די שווינדלעריגע קיה. אבער דער פארמער בלאק איז דאך דערפאר א פארמער בלאק, ווייל ער האט די שטאָדט אנדערש ליב. דער מוסר השכל דערפון איז, אז ניט אלע בהמות געפינען זיך אויף די פארמס.

דער סאוועט איז טרפה, אבער —

ס'איז ניט צו דערגרונטעווען די טיפע־נישען פון אן אמעריקאנער ריכטער'ס חכמה. סופרים קאורט ריכטער גומריטש האט לעצטע וואך ארויסגעגעבען אזא מין טיפזיניגע אנטשיידונג: די סאוועט רעגי־רונג קאן ניט זיין קיין אנקלעגער אין אן אמעריקאנעם געריכט, ווייל די אמעריקא־נער רעגירונג האט די סאוועטען ניט אנערקענט, און פאלגליך עקזיסטירט גאר־ניט אפיציעל אזא זאך ווי די סאוועטער־גירונג. איז דאס א געדאנק א גוטער, צי א שלעכטער, אבער דאך א געדאנק. וואס אבער דער זעלבער ריכטער אין דער זעל־בער אנטשיידונג, אז חאָטש די סאוועטרע־גירונג קאן ניט זיין קיין אנקלעגער, קאן זי אבער זיין אן אנגעקלאגטער אין אן אמעריקאנעם געריכט. טייטש, זי עק־זיסטירט דאך ניט, טא ווי קאן מען זי אנ־קלאגען? איז דער תירוץ, אז ווען עס קומט צו אנקלאגען זי פאר דעמעדזשעס, עקזיסטירט די סאוועט־רעגירונג יא, אבער ווען זי קלאגט אימיצען אן פאר דעמע־דזשעס — דאן עקזיסטירט זי ניט. טיף איז די חכמה און נאך טיפער דער ירושה פון ריכטער גומריטש.

קיין רעדאקשאן אין וויידזשעס פאר קעפ מייקערס

דער דזשענעראל אפיס פון דעם קעפ מייקערס און מילינערי פארבאנד האט פארעפענטליכט אן אנטשיידונג, וואס דר. י. ל. מאגנעס האט ארויסגעגעבען וועגען דעם פארלאנג פון די קעפ מאנופעקטשו־רערס צו רעדוצירען איצט די וויידזשעס פון די ארבייטער. די אנטשיידונג איז, אז קיינע רעדאקשאנס טארען ניט געמאכט ווערען. די באלעבאטים האבען פארלאנגט א רעדאקשאן פון 25 פראצענט.

די אורזאכע פאר וואס זיי ווילען א רעדאקשאן אין וויידזשעס, האבען די בא־לעבאטים פאר'ן ארביטרייטאר אנגעגעבען, אז ווען דער ארבייטס קאסט וועט ווערען קלענער, וועט געטאן ווערען מעהר ביזנעס און עס וועט זיין מעהר ארבייט אין טרייד. ווי באקאנט, ליידען די קעפ מאכער פון א בראנישען סלעק שוין א לאנגע צייט. אז זיי זיינען בארעכטיגט צו קומען מיט א פארערונג צו ענדערען די וויידזשעס פון די ארבייטער כאטש עס איז אין מיטען טערמין פון אן אגרימענט מיט דער יו־ניאן, האבען די מאנופעקטשורערס זיך געשטיצט אויף א פונקט אין אגרימענט, אז יעדער צד קאן קומען מיט פארלאנג צו ענדערען די וויידזשעס און רופען דעם צווייטען צד צו א קאנפערענץ וועגען דעם און אויב מען קאן זיך ניט אייניגען, זאל מען עס איבערלאזען פאר דער ארביטריי־טאר צו באשטימען.

די יוניאן האט פאר דר. מאגנעס גע־טענה'ט, אז דער סלעק אין טרייד איז ניט צוליב דעם ארבייטס קאסט. גיכער האט עס צו טאן מיט דער אלגעמיינער שווערער לאגע אין לאנד. אויסער דעם פארדינען גאר ניט די קעפ מייקערס צו וויינינ, אז דאס זאל האבען וועלכע עס איז ווירקונג אויף דעם פארקויף פון קעפס און העטס. אין די בעסטע צייטען, איז ארויסגעבראכט געווארען, האבען די קעפ מייקערס פאר־דינט ניט מעהר ווי 40 דאלער א וואך. און פון דעם האט מען נאך געוואלט רעדוצירען!

דר. מאגנעס האט זיך טאקע וועגען דעם אפגעשטעלט און געזאגט, אז די מאַ־נופעקטשורערס טארען גאר ניט טראכטען פון נאך מעהר פארארימען די קעפ מיי־קערס.

אין זיין אנטשיידונג רעדט דר. מאג־נעס אויך וועגען דעם קומענדען אגרימענט איבער וואס די אסאסיאיישאן פון די בא־לעבאטים און דער דזשאינט עקזעקוטיוו באארד פון דער יוניאן דארפען אנפאנגען אין גיכען קאנפערירען. ער ראט ביידע צדדים אויך צו קאנפערירען אין גיכען ווע־גען סטענדארדס. דער איצטיגער אגרי־מענט דארף זיין אין קראפט ביז ענדע מאי דיזען יאהר.

פרעזענטירען דעם שאפ טשער־מאן.

מיר, די ארבייטער פון עסטראן און וואלק, 30 וועסט 15טע סטריט, פארזאַ־מעלט ביי א שאפ מיטינג, האבען איינ־שטימיג באשלאסען צו פרעזענטירען דעם שאפ טשערמאן, מאריס באראסקין, מיט א גאלדענע וואטש און טשיין פאר זיין גו־טע ארבייט אין שאפ, ווי אויך אין דער צייט פון סטרייק.

רעזאלוציאנס קאמיטע:
מאריס פליישמאן, דזשעק הארץ,
לינא ראזין און פהיליפס.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126.
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. IV. No. 8. — New York, Friday, Feb. 24, 1922.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען

פון די פראבלעמען פון די אינ-סייד און אוטסייד שעפער.

ווערטער געעהרטער רעדאקטאר! —
אין דעם לעצטען נומער „גערעכטיג-קייט" פאדערט איהר אויף אונזערע מיט-גלידער, וועלכע האבען די ערפאהרונג פון „אינסייד" און אוטסייד" ארבייטער, אנצושרייבען די אורזאכען, ווארום ס'לוינט זיך דעם אינסייד מאנופעקטשורער צו קוי-פען פארטיגע קלאוקס איידער מאנופעק-טשורען ביי זיך אין שאפ.
מיר איינער, וואס האט די דאזינע ער-פאהרונג פאר די לעצטע 20 יאהר, און איינער, וואס איז מיט איינינע יאהר צוריק געווען גאר אקטיוו אין דער אויפבויאונג פון אונזער אלעמען באליבטער ארגאניזא-ציאן, וועל איך פרובירען ארויסברענגען די הויפט-אורזאכען.
נאך מיין מיינונג, איז דער אונטערשיד אין דעם ארבייטס-פרייז גופא ניט אזוי גרויס, אז עס זאל זיך לוינען בעסער אנ-צופירען די ווארע און טרימינגס צום „סאב" איידער צו מאכען ביי זיך. דער אונטערשיד ווערט נאר דאן גרויס גענוג, ווען דער מאנופעקטשורער רעכענט צו צום גארמענט אלע קאסטען, וואס זיינען פאר-בונדען מיט דעם פראדוצירען פון דאלם ווארע אין קלאוקס ביי זיך אין שאפ, און ער פארשפארט דיזע קאסטען ווען ער שיקט זיינע דאלם ווארע צום „סאב".
מיר מוזען אלזא זעהן, וואס זיינען דאס פאר אויסגאבען וואס דער ערשטער מוז זיי מאכען, און דער צווייטער פאר-שפארט זיי (ווענסט וואלט ער דאך ניט געקענט פראדוצירען ביליגער.

1. די רענט. דער מאנופעקטשורער, וואס פאבריצירט זיינע קלאוקס ביי זיך האט דעם שאפ מעהרסטענס אין דעמזעל-בען פלאץ מיט דעם שאורום, און צוליב דעם שאורום מוז ער שוין די פעקטארי האבען, ערשטענס, אין רעכטען ביזנעס צענטער, און דארט איז די רענט א סך טייערער. צווייטענס, מוז ער די פעקטא-רי האלטען ריינער, ווייל די קאסטומער קומען אריין, און די אויפזיכט פון אינס-פעקטארען (רעגירונגס און אונזערע) זיי-נען טאקע דארט אויך שטרענגער. פאר-שטעהט זיך, אז א פעקטארי אין א בע-סערען געגענט, מיט מער באקוועמליכקייט פאר די וואס ארבייטען, ציכטיג האלטען קאסט געלט. און דאס ווערט ארויפגע-רעכענט אויף דעם גארמענט. דעם „סאב" אבער, מאכט ניט אויס וואו ער קריגט דעם לאפט, אבי ביליגער. אין סיזאן זיצען דארט מענשען פשוט איינע אויף די אנ-דערע, און וועהר אפט ביז'ן האלז אין רענגס (שוין מיט דער אויפפאסונג פון דער דזש. באארד און סאניטארי קאנטראל). פאר-שטעהט זיך אז דאס קאסט א סך ביליגער.

2. דעזיינער. דער זעלבסטשטענדי-גער מאנופעקטשורער באשעפטיגט א דע-זיינער, און אמאל 2; און אויסער דעם גע-האלט פון דעזיינער, קאסט אַ שווערע געלדער דאס שטענדיגע מאכען פון סעמפ-עלס, ווערהרענד די „סאבס" רעכענען די אויסגאבען גארניט. ערשטענס זיינען פי-לע פון זיי אליין שטיקלאך דעזיינערס, אדער זיינען אין פארטנערס מיט אזעלכע, איז די אייגענע ארבייט רעכענט מען ניט, קיין גרויסע ליין סעמפעלס מאכט מען ניט אויף, מען מאכט בלויז א צוויי אדער דריי נומערען, און פארטיג. ווייל זיי ווייסען פון ערפאהרונג אז קיין ארדערס אויף זיי-ער דעזיין וועלען זיי סיי ווי סיי ניט קרי-גען (דאס איז איינער פון די מיטלען, וועל-כע די זאגענאנטע דזשאבערס באנוצען אין שאפען א קאנקורענץ צווישען די „סאבס" און וועלכע איך וועל ערקלעהרען שפע-טער). זיי וועט מען געבען אנדערע סטיילס צו קאפירען, און דעם סעמפעל גופא מאכט אויך דער „סאב" מעהרסטענס אליין. ווארע האט ער א פאר רעשטלאך, וואס איז געבליבען פון סיזאן, וועלכע עס איז געלונגען איינצושמוגלען... דאס רע-כענט ער אויך אז עס קאסט איהם ניט קיין געלט. און די וואס פארשטעהען גארניט קיין דעזיינינג האבען אויך א מיטעל. עס זיינען פאראנען יעצט „טראוולינג" דע-זיינערס. דאס הייסט אזעלכע, וואס שניי-דען צו א פעטערן ביי זיך אין הויז און אויך דעם גארמענט פון א שטיקעל ליי-ווענט, קלאפט עס אויף אויף דער הויז-משין און לענט דאס אריין אין א סע-משעל און טראגט דאס צו די „סאבס" פאר א דאלאר א פעטערן. דער „סאב" קויפט איינעם און פון דעם קאפירט ער וויפיל ער דארף.

3. פארמאן. געוועהנטליך באשעפ-טיגט דער אינסייד מאנופעקטשורער איי-נעם אדער מעהר פארלייטע, בלויז אויס-צופאסען אויף דער ארבייט. אויסער דעם דארף מען האבען בושלערס, צולעגערס, פארטירערס, א. ז. וו. וועהרענד דער סאב ארבייט טאג און נאכט און שטענדיגט דאס אליין און רעכענט דאס ניט אין די קאס-טען.

און דא קומען מיר צו א פונקט וואו די „מאנופעקטשורערס באהויפטען אז אוטסייד פראדוצירט מען מעהר. אין פילע פעלע איז דאס טאקע אמת, אבער דאס איז ניט ווייל די אוטסייד ארביי-טער ארבייטען פלייסיגער, נאר ווייל די סיסטעם איז אן אנדערע.
אינסייד קריגט דער אפערייטאר, צום ביישפיל, א באנדעל ארבייט און ווען מען דארף טשאקען, טשאקט ער; מען דארף באנדרען, באנדרעט ער; מען דארף אויס-קעהרען, קעהרט ער אויס. ביים סאב איז דאס אבער אנדערש: דער אפערייטאר קריגט געטשאקטע, באנראטע איבערגע-קעהרטע, א. ז. וו. דיזע ארבייט טוט ער אליין, א זון, אדער נאר די ווייב, אבער ניט דער אפערייטאר. עס איז אמת, אז די לעצטע סיסטעם וואלט באדארפט בא-קעמפט ווערען, ווייל דאס ניט נאר די מעגליכקייט דעם אפערייטאר אויפצוהיי-בען דעם קאפ פון מאשין, ווערהרענד אונ-טער דעם ערשטען סיסטעם ארבייט מען מעהר מענשליך.
עס דארף אויך ניט אויפגעמאכט ווער-רען אונטער דער האנט דער פאקט, אז ביים „סאב" געלינגט דאך פארט ארויפצוגנב'ענען די עקסטרא אווער-טיים. און מאנכעס מאל אויך די געזעצ-ליכע ימים-טובים.
נאך א פאקט אזעלכען האב איך בא-ריהרט פארביינגעהענדיג וואלט איך גע-וואלט קלאר מאכען, ווייל ער האט א די-רעקטע דעמאראליזירענדע ווירקונג אויף אונזער טרייד און דאס איז, וואס די סאבס קריגען זעלטען אדער קיינמאל ניט קיין ארדערס אויף זייערע אייגענע (?) סטיילס.
יעדער „דזשאבער" נעהמט אן סעמ-פעלס פון וויפיל סאבס ער קאן נאר קרי-גען, און פון די וואס געפעלען איהם אר-דערט ער אזוי פיל דופליקייטס וויפיל סיילסלייטע ער האט, און שיקט זיי ארוים פארקויפען, און ווען ער קריגט אריין אר-דערס, רופט ער ניט דעם זעלבען סאב, וועלכער האט איהם צוגעשטעלט דעם סעמפעל, נאר אן אנדערען, און זאגט איהם אז זיינע סטיילס פארקויפען זיך ניט, נאר אזוי ווי ער האט איהם דאך פארט ליב... וועט ער איהם געבען יענעם'ס סטייל אבער ער מוז איהם ארויסברענגען פאר אזא און אזא פרייז. דער „סאב" נעהמט דעם גאר-מענט צו זיך, מעסט און רעכענט און מעסט, אבער ער געפינט אז ער קען דאס פאר דעם אנגעגעבענעם פרייז ניט מאכען, אבער אזוי ווי זיינע סטיילס פארקויפען זיך דאך ניט... און רענט דארף מען צאה-לען, רעכענט ער אז ער וועט אין דעם אר-דער ניט פארדינען, ער וועט שוין זעהן אויף די אנדערע ארדערס ארויף צוקריגען. דערווייל מאכט ער איהם אויף דעם אר-דער... דער סאב קומט צו די ארבייטער און דערצעהלט אוים זיין ביטער הארץ: ער קען קיין ארדערס ניט קריגען. דער ארבייטער האט מורא צו פארלירען דעם סיזאן בייטענדיג פלעצער, געפינט ער נאך א סקים ווי צו שפארען ארביים אין גאר-מענט, און שטרענגט זיך אן נאך מעהר אבי דער באס זאל קענען אריינגעהמען נאך ארביים, און אזוי געהט עס...
איך בין זיכער, אז איך האב דא קיין נייס ניט ארויסגעבראכט. יעדער, וואס קוקט מיט אפענע אויגען אויף דער ענט-וויקלונג פון אינדוסטריע, ווייס דאס און די פראגע איז וואס פאר א מיטלען קע-נען אנגענומען ווערען אט דעם שרים-טאנץ אפצושטעלען?
נאך מיין מיינונג, קענען די אלע אויי-בען-דערמאנטע איבלען וועניגסטענס ביז צו א גרויסער מאס פארקלענערט ווערען, אויב ניט אין גאנצען אפגעשאפט ווערען. און דאן וואלט דער גרעסטער פון אלע איבלען ביסלאכווייז גענומען פארשווינ-דען, און דאס איז דער איבער-נאכט אויפ-געקומענער „סוב".

1) יעדער פון אונזערע מיטגלידער זאל באטראכט ווערען פאר א סקעב, ווען ער ארבייט אין א שאפ, וואס איז ניט פאלשטענדיג פייער-פרוף און ניט ערש-טע קלאסע סאניטאר. (איך ווייס, אז דאס איז זעהר א שווערע אויפגאבע. מען קען דאס אבער דערגרייכען דורך שטענ-דיגער אויפקלעהרונג און פיליכט אויך דורך דירעקטען קאמף).

2) יעדער גארמענט, וואס ווערט ניט דעזיינט פון א מיטגליד פון לאקאל 45, וועלכער איז דירעקט באשעפטיגט ביים באס אלס דעזיינער, זאל באטראכט ווערען אלס סקעב-ארביים און טאר פון יוניאן-לייט ניט געניידט ווערען.

3) משאקען, באנדראען און איבער-קעהרען דארף דער בעל-מלאכה זעלבסט.

4) א פארשטענדיגונג מיט דער אמע-ריקען אסאסיאיישאן, אז קיינער פון איה-רע מיטגלידער טאר ניט אננעהמען קיין ארדערס פון א סטייל, וואס אן אנדערער האט דעזיינט, און אין יעדען פאל אזעל-כען זאלען אונזערע מיטגלידער געסטאפט ווערען פון דער ארבייט. אויבען-אויף רוכט זיך, אז דער פונקט וועט העלפען די סאבס און ניט אונז, אבער דאס איז א מיסטייק. דאס וועט אונז זעהר פיל העל-פען.

5) קיינע אווערטיימס, וואו אלע מאשינען זיינען ניט באזעצט, אבער טא-קע אינפארסען עס און ניט לאזען עס נאר אויפ'ן פאפיר.

6) קיינער וואס איז ניט קיין זעלבסטשטענדיגער מאנופעקטשורער, זאל ניט האבען קיין רעכט ארויסצושיקען אר-בייט אויסטייד, ניט קיין דזשעקעטס און ניט קיין סקירטס. (אויך דיזער באשלוס איז שוין פיל מאל געפאסט געווארען, אבער ניט דורכגעפיהרט געווארען צוליב דער ווייכהארציגקייט פון אונזערע בא-אמטע, ווארשיינליך).

7) א צענטראלע עמפלאימענט ביור-רא אונטער דער אויפזיכט פון א ספע-ציעלען מענעדזשער, וועלכע זאל עהרליך און שטרענג קאנטראלירען די דזשאבס, וועט פיל העלפען דורכצופיהרען די בא-שליסע, וועלכע זיינען שוין ניט איין מאל אנגענומען געווארען און זיינען געבליבען אויפ'ן פאפיר.
דורך אזא ביורא וואלטען מיר שטענ-דיג געוואוסט וואו און אונטער וועלכע באדינגונגען אונזערע מיטגלידער ארביי-טען. אונטער די יעצטיגע אומשטענדען קען אונזערער א מיטגליד אין איין פלאץ אנטאן די גרעסטע צרות, און ווען עס ווערט איהם ענג, געהט ער אוועק אויף א צווייטען פלאץ, און ביז מען געפינט אויס זיין פארדארבענהייט, מאכט ער דארט אויך אן טראבעל. די באסעס, ווידער, האבען די מעגליכקייט אויף אן אינדי-רעקטען אופן צו דיסקרימינירען די יע-ניגע, וועלכע לאזען זיך ניט אזוי שטארק עקספלואטירען.
איך וואלט געקענט ברענגען מאסען באווייזע, וועלכע וואלטען באשטעטיגט מיין באהויפטונג און וועלכע קענען זיי-כער אפגעשאפט ווערען דורך אזא ביורא.
האפענדיג, אז איהר וועט מיין בריף שענקען אייער פולסטע אויפמערקזאמ-קייט, כאטש ער איז אזא לאנגע מגילה, פארבלייב איך
מיט ברידערליכען גרוס, אייער
מ. אלבערט,
מעמבער פון לאק. 23.

ער לויבט און דאנקט דעם יו-ניאן העלט סענטער.

ווערטער הערר רעדאקטאר.
ערלויבט מיר צו שרייבען איינינע צייל... אין דער „גערעכטיגקייט" צו אונ-זערע מעמבערס, וועלכע שענקען זעהר ווע-ניג אויפמערקזאמקייט צו די גוטע אר-ביים פון אונזער „יוניאן העלט סענטער". איך מוז זאגען, דאס איך אליין בין אויך געווען פריהער גלייכגילטיג, אבער ס'האט זיך מיט מיר געמאכט אזא זאך, וועלכע האט מיר געצוואונגען מעהרער זיך צו פארטראכטען ווענען „יוניאן העלט סענ-טער".
נאך דעם, ווי איך האב א זומער צייט געפילט ניט אזוי לא-עליכם'דיג, און טריי-ענדיג פארשידענע דאקטוירים אהן ער-פאלג, האב איך זיך געווענדעט אין „יו-ניאן העלט סענטער" און נאך איינינע טריטמענטס פון א דאקטאר פון דעם מע-דיקאל סטעף, האב איך זיך דערפילט ווי ניי געבוירען.
דארום שרייב איך דיזע צײלען און איך זאג מיט מיין פולען בעוואוסטזיין, דאס דער „יוניאן העלט סענטער" איז איינער פון די וויכטיגסטע אינסטיטו-שאנס אין אונזער יוניאן און ער פארדינט אונזער פולסטען סופארט.
צום שלוס דריק איך אויס מיין הערצ-ליכען דאנק צו די דאקטוירים פון מעדי-קאל און דענטאל דעפארטמענטס פאר זייער גוטע באהאנדלונג, וואס זיי האבען מיר געגעבען.
מיט יוניאן גרוס,
איזי נידיטש,
מעמבער עקז. לאק. 11.

בער ספרינג באסעס פארלירען אינדזשאנקשאן געגען דער יוניאן.

דזשאדזש גיגריך פון סופרים קאורט האט אנטשיידעט אין דער אינדזשאנקשאן קייס פון די בער ספרינג באסעס געגען דער בער ספרינג מאכערס יוניאן, און זיין אנטשיידונג איז, אז די באלעבאטים האבען ניט קיין גרונד צו פארלאנגען אן אינ-דזשאנקשאן. פאר דער יוניאן, וואס קעמפט געגען „אפען שאפ" שוין איבער א האלב יאהר ייטצ איז דיזע אנטשיידונג א גרויסער געווינס און אזוי האבען עס די ארבייטער אויך אנגענומען, גלייך ווי זיי האבען זיך דערוואוסט פון דעם.
דער לאיער פון דער יוניאן איז געווען מאריס ראטענבערג, דער באקאנטער ציו-ניסטישער כלל טוער. ער האט אנגעווי-זען, אז די יוניאן פיהרט איהר קאמף לויט אלע געזעצליכע רעגעלען און אויב וועלכע אומגעזעצליכקייטען זיינען פארגעקומען איז דאס געווען פראוואקאציע זייטענס די באסעס. דעם אינדזשאנקשאן האט פאר-לאנגט די פירמע „יונייטעד סטייט קאבי-נעט בער קאמפאני". מיט דער פירמע סטרייקט שוין די יוניאן זינט דעם 1טען אויגוסט. די פירמע האט געוואלט, מען זאל פארבאטען דער יוניאן צו פיקעטען און שטערען דעם גאנצען סטרייק. דער פארלאנג פון דער פירמע איז צוריקגעווי-זען געווארען.
דער סטרייק פון די בער ספרינג אר-בייטער איז אין א גוטען צושטאנד, טראץ דעם, וואס ער ציהט זיך שוין אזוי לאנג. ד יארבייטער זיינען זיכער, אז די באסעס זייערע וועלען זיי ניט באזיגען דורך אויס-מאטערען.
אין גוטען צושטאנד איז אויך דער סטרייק פון די מאטראצען מאכער, וועל-כער ציהט זיך שוין אויך אזוי לאנג און וואס איז מיט מאנכע אויסנאמען געגען די זעלבע פירמעס. עס איז א קאמף געגען „אפען שאפ" איבער דער גאנצער לענג און ברייט פון טרייד. די מאטראצען מאכער האבען א מיטינג דיזען שבת ביי טאג אין 61 קאנאל סטרים.

מאסקווער „אידגעזקאם" בעט מען זאל ניט שיקען אויף זיין אדרעס קיינע פאסט-פאקעטען אין רוסלאנד.

פאר דער לעצטער צייט האבען אנגע-הויבען אנקומען אין רוסלאנד דורך פאסט אויפ'ן אדרעס פון אלרוסלענדישען „איד-געזקאם" פאקעטען און פעקלאך פון אמע-ריקע. די שיקער פון די דאזיגע פאקעטען בעטען דעם „אידגעזקאם", ער זאל זיי אי-בערשיקען דורך פאסט צו די אדרעסירטע פערזאנען אין פארשידענע פונקטען פון רוסלאנד.
דער אל-רוסלענדישער אידישער גע-זעלשאפטליכער קאמיטעט (אידגעזקאם) האט ניט קיין שום מעגליכקייט צו פאר-נעמען זיך מיט אינדיווידועלע פאסט אי-בערשיקונגען. ער בעט דאריבער די אי-דישע פרעסע פון אמעריקא, זי זאל פאר-עפענטליכען, אז דער אל-רוסלענדישער „אידגעזקאם" וועט אויף קיין פאל ניט אננעמען פון דער פאסט די פעקלאך און פאקעטען, וועלכע ווערען דירעקט געשיקט פון פריוואטע פערזאנען אין אמעריקע אויף זיין אדרעס. אזעלכע פאסט פאקע-טען וועלען אומגעקערט ווערען צוריק קיין אמעריקע דורך פאסט. פאסט פאקעטען אדער בריף זאלען געשיקט ווערען קיין רוסלאנד דירעקט צו די אדרעסירטע פער-זאנען. קליידער פעקלאך זאלען געשיקט ווערען דורך דער אמעריקאנער ביורא פון דעם „אידגעזקאם", 110 וועסט 40טע סטריט, רום 406.



דער אלטער זיכערער מיטעל פאר פארקילונגען -

הילס ס. ב. ק. טאבלעטס היילען פארקילונגען אין 24 שטונדען—לא גריפ אין 3 טעג

דער וועלט סטאנדארד קאפשמערצען און פארקילונגס מיטעל פאר צוויי דורות. דער זיכער-סטער און בעסטער פאר יעדען מיטגליד פון דער פאמיליע. איהר זאלט קיין מאהל ניט זיין אהן ס. ב. ק. טאבלעטס — [illegible]

פאדערט א רויטען באקס מיט מר. הילס בילד און אונטערשריפט

הילס ס. ב. ק. טאבלעטס
אדער
הילס ס. ב. ק. רויטע באקס קאלד קיור
אדער
[illegible]

אין יעדער דראג סטאר — 30 סענט

W. H. HILL COMPANY, DETROIT



פרינשטיין'ס
פרייוועט דעזיינינג אקאדעמי איז די איינציגע סקול, אין וועלכער איהר קאנט לערנען א צ ו פ ר י דענשטעלענדען קורס אין דעזיינינג פון לוידיס גארמענטס מיט זעהר לייכטע באדינגונגען. פארנאכלעסיגט ניט די געלעגענהייט, ווייל יעצט איז די צייט פאר דעם.
פרינשטיין'ס פרייוועט דיזיינינג אקאדעמי
פרינשטיין'ס בילדינג
81 וועסט 118טע סטריט, ניער לענאקס עוו.
טעלעפאן יוניווערסיטי 4942

מיטינג פון דזשאינט באָארד אין דער ווייסט און דרעס אינדוסטריע

אַ מיטינג פון דעם דזשאינט באָארד פון דער דרעס און וויסט מייקערס יוניאָן איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען דעם [illegible] פעברואר [illegible], אונטער דעם פאָרזיץ פון ברודער הערי [illegible].

אַ קאָמיטע פון דער „ניו יאָרק [illegible]" [illegible]

[illegible] צו העלפען דער „קאל", אַז ער זאָל פאַרשפּרייט ווערען צווישען די מאַסען. ווי שלאָגען פאָר, אַז אונזערע מיטגלידער זאָלען זיך פאַרפּליכטען אָפּצוגעבן פאַר דער „קאל" אַ שטונדע אַרבייט. מיט דעם וועלען מיר אַ סך מיטהעלפען דערצו, אַז די „קאל" זאָל קענען מעהר פאַרשפּרייטען צווישען די אַרבייטער־מאַסען. זייער פאָרשלאָג ווערט איבערגעגעבען צום באָארד אָוו דירעקטאָרס.

דער פּראָטאָקאָל פון לעצטען מיטינג פון 8טען פעברואר ווערט פאַרלעזען און גוטגעהייסען.

ס'ווערט פאַרלייענט פאָלגענדער צושריפט פון דער „וואָמענס טרייד יוניאָן ליג":

„די סטייט פעדערישאַן אָוו לייבאָר פאַרלאַנגט, דאָס אַלע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציאָנען זאָלען העלפען אַז עס זאָל דורכגעהן דער אַמענדמענט, וואָס איז איינגעבראַכט געוואָרען צו דעם קאָמפּענסיישאָן־געזעץ, וועלכער ליוטעט, אַז אַלע מאַנופאַקטשורערס מוזען אינשורען זייערע אַרבייטער נעגען עקסידענטס ביי דער רעגירונג און ניט ביי פּריוואַטע קאָרפּאָריישאָנס. אַ הירינג וועגען דעם ביל וועט פאָרקומען דעם 21טען פעברואר אין אָלבאַני, אין סענאַט טשיימבער. אויב מעגליך, שיקט פאָרטרעטער צו דעם פאַרהער. אויב איהר קענט קיין פאָרטרעטער ניט שיקען, טאָ שיקט טעלעגראַמעס צו דער „לייבאָר ענד אינדאַסטריע קאָמיטע" פון דעם סענאַט און צו דער אינשורענס־קאָמיטע פון דער אַסעמבלי און זאָגט זיי, אַז איהר זייט פאַר דעם אַמענדמענט.

„די סטייט פעדערישאַן פאַרלאַנגט אויך פון אייך, אַז איהר זאָלט שיקען אַ פּראָטעסט צו גאָווערנאָר מילער און צו די אַסעמבליליים נעגען דעם, וואָס מען מאַכט די פּרינטינג־אַרבייט פון סטייט אין די פּריזאָנס."

ס'ווערט באַשלאָסען, אַז טעלעגראַמען זאָלען געשיקט ווערען צו דער לייבאָר ענד אינדאַסטרי קאָמיטע פון סענאַט און צו דער אינשורענס קאָמיטע פון דער אַסעמבלי וועגען דעם קאָמפּענסיישאָן אַמענדמענט.

ס'ווערט פאָרגעלעזען אַ צושריפט פון לאָקאַל 113 פון דער א. ל. ג. וו. י. פון מאָנטרעאַל, אין וועלכען זיי שלאָגען פאָר זיך צו פאַראייניגען מיט'ן דזשאינט באָארד. זייער פאָרשלאָג ווערט איבערגעגעבען צום באָארד אָוו דירעקטאָרס.

ס'ווערט פאָרגעלעזען אַ צושריפט פון די „פריענדס אָוו סאָוויעט רוסיא", אין וועלכען זיי פאַרלאַנגען, אַז דער דזש. ב. זאָל אינדאָרסירען זייער אַרבייט און זיי העלפען. עס ווערט באַשלאָסען אָפּצולעגען צו פאַרהאַנדלען דעם צושריפט אויף אַן אַנדערס מאָל.

פאָלגענדער צושריפט ווערט פאָרגעלעזען פון מיס ראָוז שניידערמאַן, פון דער וואָמענס טרייד יוניאָן ליג:

„די וואָמענס טרייד יוניאָן ליג פאַררופט אַ קאָנפערענץ פון טרייד יוניאָן־פרויען, וועלכער וועט פאָרקומען אין וואַשינגטאָן זונטאָג, דעם 26טען פעברואר, אין 1423 ניו יאָרק עוועניו. מיר פאַרלאַנגען פון אייך איהר זאָלט שיקען אַ פריי־דעלעגאַט צו דער קאָנפערענץ. דער צוועק פון דער קאָנפערענץ איז צו באַקעמפען דעם פאָרגעשלאָגענעם אַמענדמענט פון דער נעשאַנאַל וואָמענס פאַרטי, וועלכע שטעלט אין געפאַהר די איינציגע [illegible] געזעצגעבונג פאַר אַרבייטער־פרויען."

דער פאַרלאַנג פון דער וואָמענס טרייד יוניאָן ליג ווערט באַוויליגט, און שוועסטער מאַרגאַרעט [illegible] ווערט ערוועהלט אַלס דעלעגאַטין.

עס ווערט פאַרלעזען אַ צושריפט פון אַלעקסאַנדער טראַכטענבערג, דירעקטאָר פון דעם אינטערנעשאָנאַל [illegible], אין וועלכען ער [illegible] לאָקאַל 10. דער צושריפט ווערט איבערגעגעבען צום באָארד אָוו דירעקטאָרס.

ס'ווערט איבערגעגעבען דער באַריכט פון באָארד אָוו דירעקטאָרס און פאָלגענדעס ווערט גוטגעהייסען:

ערשטענס: אַנטייל צו נעהמען אין דער פייערונג פון [illegible] לאַנדוי'ס 70־יעהריגען יוביליאום, און אַ קאָמיטע צו פאַרטרעטען דעם דזשאינט באָארד ביי דער פייערונג אין לעקסינגטאָן אָפּערא הויז, וואָס וועט פאָרקומען שבת אָוונט, דעם 4טען מאַרטש, און אויך ביים באַנקעט לכבוד מאיר לאַנדוי, וואָס וועט פאָרקומען דעם 10טען מאַרטש אין בעטהאָווען האָל. די קאָמיטע באַשטעהט פון [illegible], פון לאָקאַל 10; [illegible], פון לאָקאַל 22; [illegible], פון לאָקאַל 25; [illegible], פון לאָקאַל 60, און [illegible], פון לאָקאַל 89.

צווייטענס: ביישטייערן 25 דאָלאַר פאַר דעם „מעסענדזשער", דעם זשורנאַל פון די ראַדיקאַלע נעגערס.

דריטענס: צו נעהמען פאַר 10 דאָלאַר טיקעטס צו דעם באַל פון דעם אידישען בית־יתומים.

פערטענס: צו ערוועהלען אַ קאָמיטע פון דריי אויף אויסצוארבייטען בענעפיט צו די אַרבייטער, וועלכע זיינען אין סטרייק. אין דער קאָמיטע זיינען ערוועהלט געוואָרען: ווייזבערג, פון לאָקאַל 22; רעזיל, פון לאָקאַל 66, און [illegible], פון לאָקאַל 89.

ברודער רעזיל ציהט די אויפמערקזאַמקייט פון דעם דזשאינט באָארד וועגען דעם פאַרהער, וואָס וועט פאָרקומען דעם 1טען מאַרטש אין אַלבאַני וועגען דעם אַנטי [illegible] ביל. ער שלאָגט פאָר, אַז דער דזשאינט באָארד זאָל שיקען פאָרטרעטער צום פאַרהער. דער פאָרשלאָג ווערט אָנגענומען, און [illegible] וואָלינסקי, פון די [illegible] עמבראָידערערס יוניאָן, און [illegible] ווערען ערוועהלט אַלס פאָרטרעטער פון דעם דזשאינט באָארד צום פאַרהער.

י. האַכמאַן, גענעראַל אָרגאַנייזער, באַריכטעט, דאָס זינט דעם 30טען יאַנואַר האָבען שוין פון די אַלע שעפּער, וואָס מען האָט אַרויסגערופען אין סטרייק, 180 געסעטעלט געוואָרען. אָבער פילע שעפּער שטעהען נאָך אין סטרייק. ער באַריכטעט אויך, אַז אַ קאָנפערענץ איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען מיט די דזשאַבערס אַסס'ן, אויף וועלכער די פאָלגענדע אַגרימענטס זיינען דערגרייכט געוואָרען:

ערשטענס — אַז יעדער מיטגליד פון דער דזשאַבערס אַסס'ן דאַרף צושטעלען צו דער יוניאָן אַ ליסט פון אַלע זייערע קאָנטראַקטאָרס, יוניאָן און ניט יוניאָן קאָנטראַקטאָרס.

צווייטענס — אַז די דזשאַבערס זאָלען גלייך צוריקנעהמען זייער אַרבייט פון די ניט־יוניאָן קאָנטראַקטאָרס.

דריטענס — מר. סינעל, דער פּרעזידענט פון דער דזשאַבערס אַסס'ן, האָט זיך פאַרפּליכטעט מיטצוהעלפען דער יוניאָן און זעהן, אַז די גאַנצע אַרבייט, וואָס ווערט געמאַכט פאַר די מיטגלידער פון דער דזשאַבערס אַסס'ן זאָל געמאַכט ווערען בלויז אין יוניאָן־שעפּער.

פערטענס — איז פאַרשטאַרקט געוואָרען דער פּונקט אין דעם אַגרימענט, וועלכער ליוטעט, אַז די דזשאַבערס מוזען זייער עמבראָידערי מאַכען נאָר אין יוניאָן עמבראָידערי שעפּער, און אום צו איבערצייגען אַז זיי מיינען ערנסט אָפּצוהיטען דעם דאָזיגען פּונקט, האָט די דזשאַבערס אַסס'ן באַאויפטראַגט איהר פּרעזידענט צו ערקלעהרען עס עפענטליך אין דער פּרעסע.

צום שלוס פאַרלאַנגט ברודער האַכמאַן פון דזשאינט באָארד, אַז מען זאָל זיך ענערגישער נעהמען צו דער אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבייט. ער לאָזט וויסען, אַז אין איינינע טעג אַרום וועלען נייע סירקולאַרס זיין פאַרטיג צום פאַרשפּרייטען צווישען די אַרבייטער און ער דריקט אויס זיין האָפנונג, אַז די אָרגאַניזיישאָן קאָמיטע וועט באַקומען די נויטיגע מיטהילף און צוזאַמענאַרבייט מיט דער אַרבייט פון אָרגאַניזירען די ניט־אָרגאַניזירטע אַרבייטער.

ברודער האַכמאַן'ס באַריכט ווערט גוטגעהייסען.

עס ווערט באַשלאָסען איבערצולאָזען צום אָפּיס צו מאַכען די אַראַנזשמענטס פאַר דעם נעקסטען מיטינג.

מיט דעם ווערט דער מיטינג געשלאָסען.

מ. ק. מאַקאָף, סעקרעטער.

אין דער ריפער מאַכער יוניאָן לאָקאַל 1[illegible]

[illegible]

נאָך פאָרשטעלונגען און אַרויסערקלערונגען [illegible] אין דיזער צייט פון יאָהר ווערען אויפגעוועקט ביי אַלע די איינגעשלאָפענע אמביציעס.

די יעניגע וועלכע האָבען זיך שוין אפשר טויזענט מאָל פאַרשוואָרען ניט צו גייען מעהר, ווי די יעניגע וואָס מאַכען ערשט דעם ערשטען אויפטריט אויף דער אַרבייטער ביהנע, אַלע זיינען יעצט אָנגעפיהלט מיט איין טריט, מיט איין האָפנונג, צו געווינען דעם צוטרויען פון עולם, צו האָבען די עהרע צו זיין די פאָרשטעהער פון זיין אָרגאַניזאַציאָן און זיין פאָרטרעטער.

אַ כאָלד וועלען ווייטערע נעמען ערשיינען אין די צייטונגען, געדרוקטע נעמען, שוואַרץ אויף ווייס; אַ כאָלד וועלען ווייטערע נעמען ערשיינען אויפ'ן באַלאָט אַלס די יעניגע וואָס רייסען זיך צוזאַמען צו טאָן פאַר'ן אַרבייטער. און די הערצלאַך טיקען און בייגען און קלאַפּען מיט איפערזוכט, ערוואַרטענדיג דעם דיזען מאָמענט.

ס'איז ווירקליך אַ פאַרגעניגען צו זיין אַ קאַנדידאַט און מסתמא נאָך אַ גרעסערער פאַרגעניגען ערוועהלט צו ווערען.

מיר ווינשען אייך אַלע אַ גליקליכע יאָהרע.

די פאָלגענדע זיינען די נעמען פון די קאַנדידאַטען פאַר די פאַרשיידענע אַמטען:

עקזעקוטיוו באָארד: הערי אַטלאַס, מאיר שוואַרץ, אַבראַהאַם קעלמאַן, לואיס נעלפאַר, מאָריס הורוויץ, לואיס הייסאַן, וויליאַם וואַרשאַפסקי, איזי ווייסבלאַט, סעם מאַשער, לואיס ליפּסקי, מאָריס לעווענטהאַל, איזידאָר מאַרקאָוויטש, בעני מאַס, דזשאָו סטאַנקעוויטש, וויליאַם פּעסין, דזשייקאָב פרידמאַן, איזידאָר פריד, מאָריס קעפּטיין, אַב. קלאַט, אַב. קאַלטין, לואיס רענזין, דזשייקאָב ריטשמאַן, אַב. שאַפּירא.

פאַר די דזשאינט באָארד האָבען די פאָלגענדע אָנגענומען: הערי אַטלאַס, מאיר אָרשאָוויטש, אברהם בעלסאַן, אברהם באַלדין, מאָרריס לעווענטהאַל, דזשאָו סטאַנקעוויטש, אַב. קלאַט.

פאַר טראַסטיס זיינען די פאָלגענדע נאָמינירט געוואָרען: ה. דיווידאָוו, נייטען פרידענבאַך, הערי קאַסאָווער און א. שאַפּירא.

די פאָלגענדע זיינען איינשטימיג ווידערערוועהלט געוואָרען ביים מיטינג און זייערע נעמען וועלען פאָלגליך ניט ערשיינען אויפ'ן באַלאָט: אַב. גאָלדין, פּרעזידענט; לואיס ליפּסקי, רעק. סעקרעטער; הערי סילווערשטיין, סאַרדזשענט עט אַרמס און דזשו. העללער, פינאַנס סעקרעטער.

מיר האָבען דעם יאָהר אויך אַ קאָנטעסט פאַר וויס־פּרעזידענט פון לאָקאַל, אין וועלכען די פאָלגענדע זיינען די אַנטיילנעמער: מ. סטעמפּעל, מיכאַל ליפּשיץ און לואיס פּויריסקין.

אונזער עלעקשאַן וועט געהאַלטען ווערען שבת דעם 25טען פעברואר, פון 9 אוהר אין דער פריה ביז 5 אָוונטס, אין אונזער אָפּיס. די יעניגע וואָס זיינען נאָך ניט גוטשטעהענד, זיינען געבעטען צו באַצאָהלען די שולדען און [illegible]

[illegible]

די פירמע לואיס גרינבערג ברא[illegible] איז נאָך אַלץ אין סטרייק. דער [illegible] „אַלץ" זיינט פאַר'ן לעצטען יאָהר [illegible] אַ האַלב. דער סטרייק האָט זיך אָנגעפאַנגען אין ניו יאָרק און האָט אָנגעהאַלטען אַ שעהנע עטליכע מאָנאַט[illegible] האָט די פירמע איינגעזעהן, אַז עס [illegible] צרות, איז זי אַנטלאָפען אין סאָוט נאָרוואָלק(?), קאַנעטיקוט. דאָרטען האָט די פירמע איינגעפיקסט אַ שאַפּ און [illegible] געקראָגען איינינע סטרייקערס, וועמען [illegible] האָט געגעבען צוויי־יאָהריגע אַגרימענט[illegible] און האָט אָנגעפאַנגען אַרבייטען. אָבער דערמיט איז זי נאָך ניט פטור געוואָרען פון דער יוניאָן. אַזוי שנעל ווי [illegible] דזשענעראַל סטרייק איז ערקלערט געוואָרען איז דיזער שאַפּ אויך געסטאַפּט געוואָרען פון דער אַרבייט. די אַרבייטער פון שאַפּ, וועלכע זיינען געוועזען מעמבערס פון לאָקאַל 1, האָבען זיך [illegible] אומגעקעהרט צו דער יוניאָן [illegible] האָבען געשוואָרען ניט צוריקצוגעהן [illegible] וואַנען זיי וועלען געווינען.

סטרייקען ווי יעצט פאַר די לעצ[illegible] 2 מאָנאַטען און פיהלען זיך אַזוי [illegible] גייסטערט ווי אין דעם ערשטען טאָג [illegible] סטרייק. די פירמע האַלט זיך [illegible] איינגעשפּאַרט, פּונקט ווי אַלע [illegible] יאַהודים. אָבער מיר גלויבען ניט [illegible] ווי וועלען דאָס קאָנען לענגער אויסהאַלטען. טאָמער קרינען זיי דאָרטען [illegible] פאַר האַלב בענעפיט פון דער אַסס[illegible] איישען איז דאָס אויך נאַריש. [illegible] ווי לאַנג קען דאָס אַ פירמע זיך [illegible] ווי לאַנג קען דאָס מר. באַשאָווער [illegible] האַלטען אויף [illegible] אין גלות, אַרומוואַנדערן פון איין שט[illegible] אין דער צווייטער, שטענדיג זיין [illegible] איין שרעק טאָמער פאַרלירט ער [illegible] טען אַ פאַליקען סטרייק־ברעכער; [illegible] איין שטאָדט טאָגען און אין דער צ[illegible] טער נעכטיגען? ווי לאַנג [illegible] קאָן אַ מענש אַזוי פיעל אַריבערטראָג[illegible] הייסט דאָס געלט־פאַרלוסט? דאָס [illegible] אויך עפּעס ווערט.

פאַר די אַלע זאַכען, גלויבען מיר, [illegible] דער סטרייק האַלט שוין אין די לעצ[illegible] שטופען. די פירמע וועט איינזעהן [illegible] עס לוינט זיך איהר מעהר ניט אָנצו[illegible] רען אַ פאַרלוירענעם קאַמף. די פי[illegible] לואיס גרינבערג ברא. וועט סע[illegible] מיט דער יוניאָן, אַז ניט — וועט [illegible] ווייטער סטרייקען.

דזש. העללער, סעק[illegible]

פרעזענטירען דעם שאַפּ טשע[illegible] מאַן.

מיר, די אַרבייטער פון סטיין [illegible] בליינס שאַפּ, 16 וועסט 17טע סט[illegible] האָבען באַשלאָסען צו פרעזענטירען [illegible] דער שאַפּ טשערמאַן, ברודער אייב [illegible] שאַס, מיט אַ סטערלינג סילווער סעט [illegible] זיין גוטער אַרבייט.

אין נאָמען פון דעם גאַנצען שאַפּ [illegible] שען מיר איהם, ער זאָל דאָס נוצען [illegible] ונטערהיים.

די קאָמיטע:

דייוו גימפּעל, לאָק. [illegible]
א. קאָהען, לאָק. 3,
ווילי דזשוקאָוו, לאָק. [illegible]

דער מאָגען?

עקס־לאַקס!

אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

אין ארבייטער אוניווערזיטעט — וואשינגטאן אירווינג הײ סקול.

שבת, דעם 25סטען פעברואר. — אום 1.30 בייטאג, „וואלט וויטמאן". לערער, ב. ר. סטאלפער. אום 2 א זייגער — „פראבלעמען פון דער ארבייטער באוועגונג", לערער, דר. לעא וואלמאן. אום 2.30 — „דער מענשליכער פאקטאר אין דער געשיכטע". לערער, א. ל. ווילבערט.

זונטאג, דעם 26סטען פעברואר. — אום 11.30, „נאציאנאלגעזעלשאפט און פיהרער־שאפט". לערער, א. פישהאנדלער. אום 11 אוהר — „מאנופעקטור, 1860 ביז 1922". לעהרער, דר. ה. גארמאן. אום 11.30 — רעדנער שולע. לעהרער, גוסטאוו פ. שולץ.

אין די יוניטי סענטערס.

מאנטאג אווענט, דעם 27סטען — אין איסט סייד יוניטי סענטער; „דער אינטער־נאציאנאלער האנדעל און די ארבייטער". לערער, סאלאן דע ליאן. צווייטער בראנקס יוניטי סענטער, „די אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יו־ניאן". לערער, מאקס לעווין. בראנזוויל יוניטי סענטער, „די אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן". לערער, מארגארעט דעניעלס. ווייסט מייקערס יוניטי סענטער, קערפערליכע איבונגען, מיס רוטה קאהן, דירעקטאר.

דינסטאג, דעם 28סטען — אין ווייסט מאכער יוניטי סענטער — „די אינטערנעשא־נאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן". לערער מאקס לעווין. אין בראנקס יוניטי סענטער — „דער אינטערנעציאנאלער האנדעל און די ארבייטער". לע־רער, סאלאן דע ליאן. אין 8טען בראנקס יוניטי סענטער, „ספעציעלע ארגא־ניזאציאנס־פראבלעמען פון היינטיגען טאג". לערער, טהערעזע וואלפסאן. אין איסט סייד יוניטי סענטער, קערפערליכע איבונגען. מיס איווא קאהן דירעקטאר.

מיטוואך אווענט, דעם 1טען מערץ, אין הארלעם יוניטי סענטער — „די פאבריק אלס א מאדערנע אינסטיטוציע". לערער, א. ל. ווילבערט.

פרייטאג אווענט, דעם 3טען מערץ — אין בראנזוויל יוניטי סענטער, „פסיכאלא־גיע". לערער, מארגארעט דעניעלס. אין הארלעם סאשעליסט עדיוקיישאנאל סענטער, 62 איסט 106טע סט., „די געשיכטע, פראבלעמס און צילען פון דער מאדערנער טרייד יוניאן באוועגונג". לערער, מאקס לעווין. ער רעדט אין אידיש.

קורסען און לעקטשורס.

פאר פיעלע פון אונזערע מיטגלידער איז א שווערע זאך צו אטענדען קורסען, זיי האבען ניט די פרייע צייט דער־פאר. נאך א טאג ארבייט פיהלט מען זיך מיד און מען זוכט בעסער עפעס אן אמיוזמענט. צו געהן אין קלאס ארייין פאלט זיי שווער; איבערהויפט נאך ווען א געוויסער געגענשטאנד ציהט זיך פאר עטליכע וואכען צייט.

אונזערע מיטגלידער, וואס דענקען אזוי, קוקען קרום אויף דער זאך. זיי האבען געוויס א פארלאנג זיך אנצוזאמ־לען מעהר וויסען, איבערהויפט אין די פראבלעמען פון דער ארבייטער באוועגונג, זיי מיינען אבער אז דעם וויסען קענען זיי באקומען באזוכענדיג פון צייט צו צייט א לעקטשור.

אבער ווי וויכטיג די לעקטשורס זא־לען ניט זיין פאר די מאסען ארבייטער, קענען זיי דאך נישט פארנעמען דעם פלאץ פון סיסטעמאטישע קורסען.

עס איז לייכט צו באגרייפען, דאס ווען איינער אטענדעט רעגעלע, איין מאל אדער צווי מאל א וואך, א געוויסען קורס, איבער אירגענד וועלכען געגענ־שטאנד, באקומט ער א סיסטעמאטישע באקאנטשאפט מיט דער זאך, וואס מען קען פון א צופעליגען לעקטשור ניט בא־קומען.

עס איז פאראן נאך א גרונט וואר־ום עס איז בעסער צו אטענדען א קורס איידער זיך אמאל ארייינכאפען צו א לעקטשור. ווען איהר נעמט א קורס לערנט איהר געוויסע ביכער צוזאמען מיט'ן גאנצען קלאס און פון דעם לערנט מען זעהר פיעל.

קורץ, פון וועלכען שטאנדפונקט מען זאל עס ניט באטראכטען, איז אלץ בע־סער צו אטענדען א רעגעלען קורס איי־דער א צופעליגע לעקטשור. פיעלע פון אונזערע מיטגלידער, די סטודענטען פון אונזערע יוניטי סענטערס און פון אונ־זער ארבייטער יוניווערסיטעט, ווייסען שוין דאס גאנץ גוט, און זיי קומען רע־געלמעסיג אין קלאס צו די קורסען וואס זיי נעמען. מאנכע פון זיי קומט עס טאקע אן שווער און זיי געפינען אוים, אז די מיה איז ווערט געווען, זיי ווערען מעהר אינטעליגענט און געבילדעט.

א קלאס אין אמעריקאנער געשיכטע אין איסט סייד יוניטי סענטער.

די סטודענטען פון הייסקול ענג־ליש אין איסט סייד יוניטי סענטער הא־בען לעצטע וואך אנגעפאנגען א קלאס אין אמעריקאנער געשיכטע. דער קלאס וועט פארזעצט ווערען יעדען דאנ־נערשטאג אווענט. דער קלאס ווערט געפיהרט פון דעם באוואוסטען לעהרער, מר. פעליקס ספיר.

אונזערע מיטגלידער, וואס וואוינען אין דער געגענד, דער סענטער געפינט זיך אין פאבליק סקול 63, 4טע סט. און ערשטע עוועניו, זיינען איינגעלאדען צו קומען אנטייל נעמען אין דעם קלאס. דער קורס איז זעהר אינטערעסאנט און באלעהרענד.

טיקעטס פאר גרינוויטש ווי־לעדזש טעאטער.

מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשא־נאל קענען באקומען טיקעטס צו האלבע פרייזען פאר'ן גרינוויטש ווילעדזש טעא־טער. עס ווערט געשפילט גאלסווארטהי'ס „די פידזשאן".

קומט אין עדיוקיישאנאל דעפארט־מענט נאך א קארד, וואס וועט אייך בא־רעכטיגען צו דיזע טיקעטס. דער אדרעס איז 31 יוניאן סקווער, רום 1003.

אדרעסען פון אונזערע יוני סענטערס.

איסט סאיד יוניטי סענטער — פאב־ליק סקוהל 63, 4טע סטריט, נעבען 1טער עוועניו.

ווייסטמאכערס יוניטי סענטער — פאבליק סקוהל 40, 320 איסט 20טע סט.

הארלעם יוניטי סענטער — פאבליק סקוהל 171, 103טע סט., נעבען 3טע עוו.

בראנקס יוניטי סענטער — פאבליק סקול 45, אינטערוואלע עוו. און פרימען סטריט.

צווייטער בראנקס יוניטי סענטער — פאבליק סקוהל 42, וואשינגטאן עוועניו און קלערמאנט פארקוויי.

וויליאמסבורג יוניטי סענטער—פאב־ליק סקול 147, בושוויק עוו. און מעקיבען סט., ברוקלין.

בראנזווילער יוניטי סענטער — פאב־ליק סקול 48, סטאון און גלענמאר עוו, ברוקלין.

דאנק רעזאלוציעס פון טשארלס מייזעל'ס שאפ.

אויף א שאפ מיטינג פון די ארבייטער פון טשארלס מייזעל און קא., 500 7טע עוועניו, איז אנגענומען געווארען א רעזא־לוציע, באדאנקענדיג דעם שאפ טשער־מאן, ברודער סעם קרוגמאן און דעם סעק־רעטאר, ברודער דייוויס פאר זייער גוטע ארבייט אין צייט פון סטרייק. די אר־בייטער פון שאפ האבען אויך צו דער זעל־בער צייט פרעזענטירט דעם טשערמאן און דעם סעקרעטאר מיט ווערטפולע פרעזענ־טען.

די שאפ קאמיטע:
ה. ראפאפארט,
איצקאוויטץ,
ב. מייזעל.

יעהרליכע קאנפערענץ פון נע־טשורעליזיישאן אייד ליג.

אלע אידישע ארבייטער ארגאניזאצי־אנען זיינען אויפגעפאדערט צו ערוועהלען דעלעגאטען צו דער 13טער יעהרליכער קאנפערענץ פון דער נעטשורעליזיישאן אייד ליג, וועלכע וועט געהאלטען ווערען זונטאג, דעם 12טען מארטש, אין „פאר־ווערטס" האל.

די גאנצע אידישע ארבייטערשאפט ווערט ערווארטעט צו זיין פארטראטען אויף דער קאנפערענץ פון דער ארגאניזא־ציאן, וועלכע טוט אויף אזוי פיל גוטע ארבייט פאר דער באוועגונג, ארויסהעל־פענדיג צעהנדליגע טויזענטע אידישע אי־מיגראנטען צו ארויסנעמען בירגער פאפי־רען.

שטעלט ארויף אויפ'ן טאגעס ארדנונג פון אייער יוניאן, אייער ארבייטער רינג בראנטש, אייער סאסייטי די פראגע וועגען דער פארטרעטערשאפט צו דיזען קאנ־פערענץ. זעהט, אז אייער ארגאניזאציאן זאל האבען ערוועהלט צוויי דעלעגאטען. די ארבייט פון ער ליג איז פון גרויסער וויכטיגקייט אין דעם אידישען קווארטאל פון גרייטער ניו יארק און אלע ארגאניזא־ציאנען, פון וועלכער ריכטונג זיי זאלען ניט זיין, מוזען זיין פארטראטען. שיקט אריין אייערע קרעדענשעלס אין אפיס פון דער ליג, 175 איסט בראדוויי.

דאנקזאגונג פאר דעם שאפ טשערמאן.

מיר, די פרעסערס, (מעמבערס לאקאל 35) פון טשארלס מאזעלס שאפ, 500 7טע עוועניו, גארמענט סענטער בילדינג, פאר־זאמעלט ביי א מיטינג, דריקען אויס אונ־זער טיפסטען דאנק און אנערקענונג צו אונזער שאפ טשערמאן, ברודער סעם קרוגמאן, מעמבער לאקאל 1, פאר זיין אמת איבערגעגעבענער ארבייט פאר אונז אין דער צייט פון אונזער סטרייק און אויך איצט. א דאנק זיין ענערגיע הא־בען מיר יעצט א גוט ארגאניזירטען הונ־דערט פראצענטיגען יוניאן שאפ פאר זיין גוטע ארבייט האבען איהם די ארבייטער פון אונזער שאפ פרעזענטירט מיט א ווערטפולען פרעזענט. מיר ווינשען איהם פון גאנצען הארצען, ער זאל איהם נוצען געזונטערהייט.

רעזאלוציאנס קאמיטע:
איזידאר קאשניר,
מאקס פוירליים,
חיים טראמביצקי.

נייעס אין דער אידישער ליטעראטור וועלט.

אן אינסטיטוציע צו העלפען נייע ניט־אנערקענטע טאלאנטען.

די ניט־לאנג געגרינדעטע אידישע פאב־ליסיטי און טייפרייטינג ביורא, 216 איסט 14טע סטריט, ניו יארק, איז געגרינדעט געווא־רען כדי צו העלפען יונגע ניט־אנערקענטע טאלאנטען מיט ראט און טאט. די ביורא לאזט דורך, קריטיקירט און קארעגירט מאנוסקריפ־טען און העלפט דעם פארפאסער ארויסגעבען זיינע ערצעהלונגען, לידער און אנדערע ווערק.

און ניט נאר דאס אליין. ווען עס קומט צו פארקויפען א פיעסע, ווייס ניט דער אונ־ערפאהרענער שרייבער וואוהין זיך צו ווענ־דען, און אפילו ערפאהרענע ליטעראטען הא־בען גרויסע שוועריגקייטען, איידער זיי דער־שלאגען זיך, אז א מענעדזשער זאל זיי ערלוי־בען זייער פיעסע פארצולעזען. די ביורא, דורך איהר טעאטער־אפטיילונג, קומט אויך דא צו הילף דעם אויטאר און העלפט איהם צו שטעלען זיך אין פארבינדונג מיט דעם מענעדזשער, פאר וועלכען זיין פיעסע איז אם בעסטען צוגעפאסט.

די ביורא באשעפטיגט זיך אויך מיט גע־בען ליטערארישע איבערזעצונגען און אדאפ־טירונגען פון אלערליי בעלעטריסטישע און טעאטער־ווערק (איינשליסענדיג מאוווינג פיקטשור סצענאריאס) אין אידיש, ענגליש און אנדערע שפראכען. אידישע, ענגלישע און רוסישע מאנוסקריפטען ווערען זארגפעלטיג קארעגירט און געטייפרייטעד. פיעסען ווע־רען קאפירייטעד.

נאך א זעהר וויכטיגע אפטיילונג פון דער ביורא איז איהר פאבליסיטי דעפארטמענט, וועלכער גיט זיך אפ מיט פארפערטיגען רע־פארטס, ליפלעטס, אדווערטייזמענטס, סירקו־לארס, א. ז. וו. — אין אידיש און אין ענג־ליש — פאר ארגאניזאציעס, ביזנעס־פירמעס, יוניאנס, פאראיינען, לאדזשען, ווי אויך פאר איינצעלנע פערזאנען.

די ארבייט פון דער ביורא ווערט געטאן פון א סטאף פון געניטע ליטעראטען און זשור־נאליסטען. יעדער פון זיי איז א ספעציאליסט אין זיין פאך, און די גאנצע טעטיגקייט גע־פינט זיך אונטער דער פערזענליכער ליטונג און אויפזיכט פון די מענעדזשערס: ראזע שאמער, די טאכטער פון דעם בארימטען נ. מ. שייקעוויטש (שמ"ר) און אליין איינע פון די פארפאסעריננען פון דער פיעסע „איינע פון פאלק", וועלכע איז היינטיגען סעזאן מיט גרויס ערפאלג אויפגעפיהרט געווארען אין ניו יארק, און עלבערט איידלין־טראממער, דער באוואוסטער אידיש־ענגלישער דיכטער, זשורנאליסט און ליטעראטור־קריטיקער, גע־וועזענער מיטרעדאקטער פון „אמעריקאן היברו", אין „היינט" און מענעדזשינג עדי־טאר פון „דזשואיש [illegible]". (מא.

געקוקט, ווי ער וואלט פון איהם ערווארטען, דאס ער וועט איהם באלד אנהויבען העלפען הוסטען...

און דעם חתן איז די כלה געפעלען. דעם חתן'ס מאמען — אויך. קיין מאמע האט ער ניט געהאט. גוטע איז דערפון געווען צופרידען: זי האט איהם געוואלט זיין א מאמע...

„מ'קען מאכען תנאים", האט דער שדכן געזאגט.

— נו, וואס זאגסטו דערצו? — האט גוטע ברכה'ן, ווי פון יוצא וועגען, געפרעגט.

— גאר נישט...

— וואס הייסט גארנישט? ווילסט ניט?...

— ווי דו ווילסט...

— וואס הייסט ווי א י ך וויל? ד ו וועסט'ך מיט איהם דארפען לעבען, ניט איך...

— מיך ארט ניט...

— זאג י ע און גאר... נו?

ברכה האט געשוויגען, און די מאמע האט מיט ביטערניש געזאגט, אז ס'איז טאקע בעסער זי זאל שווייגען. זי קען גאר זאגען ווי יענע כלה האט געזאגט: „זאל יענער ווייגען ווער ס'נעהמט מיך"... הלואי זאל ער גאר קיין חרטה ניט האבען...

די ווייט ברכה האט זיך פון אלעמען אין שטעטעל גע־האלטען, האט זיך דאך צו איהר די „פאטשט" דערטראגען, דאס ביי דעם פרעזענטניק'ס טאכטער מיט בארים'ן וועט אין גיכען זיין חתונה. די גרויסע הויז וואס מיט'ן גרויסען געזימס און די אייזערנע באלקאנען וועט זיי דער פרעזענטניק אלס חתונה־מתנה געבען, אלס דרשה־געשאנק געבען. מ'קלייבט זיך צו מאכען א פראכטפולע חתונה און מ'וועט שרייבען אויף די בילעטען, דאס „פארטיס ניט פרעזענטס פליז" — פרעזענטען ווערען ניט אנ־גענומען. אזוי ווי אנדערע גרויסארטיגע לייט טוען. דאס ווייזט אלעמען, אז מ'איז ניט אויסען די דרשה־געשאנק; מען איז אויסען די מענשען אליין, ווייל א סך וואס שעהמען זיך צו געהן אהן דרשה־געשאנק און קענען זיך אויף דעם ניט לאזען קאסטען, מוזען זיצען אין דער היים.

אז מ'וויל דורכאויס ברענגען דרשה־געשאנק, איז טראץ דעם וואס אויף די בילעטען שרייבט זיך, דאס מ'נעהמט זיי ניט צו, נעהמט מען זיי יע צו... מ'קען דאך אזא זאך, וואס יענער ברענגט צום אבגעבען, ניט אפזאגען...

און די רייכע האבען שוין געהאט אזא מזל, אז כאטש זיי האבען געשריבען, דאס „פרעזענטען ווערען ניט צוגענומען", הא־בען זיי דאך געקראגען מעהר פרעזענטען ווי די ארימע, און די וואס האבען ניט געקענט געבען זיינען טאקע זעהר פיין אין דערהיים געזעסען אדער ארום הויז געהאנגען דורכ'ן פענסטער צו כאפען א קוק צו זעהן ווי דאס איז דארטען ביי זיי צוגע־גאנגען.

די פאטשט וועגען „זיין" חתונה, האט ברכה'ן געגעבען א שטוים גיכער צו איהר שידוך צוצושטימען. גיכער אליין א כלה ווערען: זאלען אלע זעהן, אז זי האט אויף „איהם" ניט גע־ווארט, זי האט שוין א חתן — א פייגעס, אן איידעלען, א גוטען, א שטילען...

ווען ע ר וועט דארטען מיט א י ה ר אויפ'ן אייזערנעם באלקאן זיצען, וועט זי מיט איהר חתן שטאלץ זייער הויז פארבייגעהן. זי וועט זיך מאכען, דאס זי האט איהר חתן זעהר ליב. און א י ה ם וועט דאס פארדריסען. ער וועט זעהן, אז מ'קען אהן איהם אויך לעבען, אז ס'זיינען דא אנדער־ע וועמען מ'קען ליבען...

(שלום קוטש).

די דרעסערס יוניאָן לאָקאַל 45

די דרעסערס יוניאָן האָט אָנגעפאַנ־
גען א קאַמפּיין צו אָרגאַניזירען אַלע [illegible]

* * *

דורך דער יאָהר האָבען געאַרבעט אייני־
גע קאָמיטעס [illegible]

עס קומען אַריין קאָמפּליינטס אין אָפּי־
ס [illegible] די דרעסערס [illegible] נאָך 6 אוהר אין שאַפּ [illegible] קיין דרעסער איז ניט באַשעפטיגט. דאָס
איז איינער פון די גרעסטע פאַרברעכענס
ביי אונזער אָרגאַניזאַציע. מיר וואַרנען
די דרעסערס וואָס טוען דאָס, אַז די
יוניאָן [illegible] און זיי וועלען
האָבען גרויס טראָבעל.

* * *

קומענדער מעמבער מיטינג, וועט אָפּגע־
האַלטען ווערען דינסטאַג אָוונט, 6 אוהר,
דעם 28סטען פעברואַר, אין אונזערע הער־
קוואָרטערס, 36 וועסט 33טע סטריט. דיזער
מיטינג וועט זיין איינער פון די וויכטיג־
סטע פאַר יעדען מעמבער. פראַגען, וועל־
כע אינטערעסירען יעדען דרעסער וועט
ביי די מיטינג אויפגענומען ווערען, און
דעריבער ווערען אַלע מעמבערס אויפגע־
פאָדערט צו קומען אין צייט.

דער דרעסער לאָקאַל, באַלאַנגענדיג
צום דזשוינט באָאַרד מיט אַלע קלאָוקמא־
כער לאָקאַלס צוזאַמען, בעט די שטיצע
פון אַלע טשערליידיס אין די שעפּער און
ווי וואָלען זעהן, אַז דער דרעסער זאָל זיין
א יוניאָן מאַן און זאָל האָבען א יוניאָן
קאַרד און זיין גוטשטעהענד.

מיר וועלען דאַנקבאַר זיין די טשער־
ליידיס פון די שעפּער, וואָס וועלען אונז
לאָזען וויסען אויב דער דרעסער באַ־
לאַנגט ניט צו דער יוניאָן, אָדער ער איז
ניט גוטשטעהענד אין דיוס. לאָזט אונז
וויסען זיין נאָמען און אַדרעס. דער אָפיס
איז אין 36 וועסט 33טע סטריט.

מ. גאָלדאָווסקי,
מענעדזשער יונייטעד דרעסערס,
לאָקאַל 45, א. ל. ג. וו. יוניאָן.

וויכטיג פאַר אונזערע מיטגלידער אין שיקאַגאָ

די ליידיס טיילאָרס יוניאָן, לאָקאַל
104, האָט אַראַנזשירט א גרויסאַרטיגען
באַל פאַר שבת אָוונט, דעם 11טען מערץ,
און דער לאָקאַל לאַדעט איין אַלע אונזערע
מיטגלידער פון שיקאַגאָ צו קומען אויף
דעם באַל.

געדענקט זשע, דער באַל וועט זיין
שבת אָוונט, דעם 11טען מערץ, אין לע־
אַנדרייל האָל, 3437 אוגדען עווענוי, קאָר־
נער טראָמבעל סטריט, שיקאַגאָ. פאַר־
פעלט ניט צו זיין דאָרט.

וואָך־אַרבייט פאַר די ווייסט און דרעס אינדוסטריע.

(שלוס פון זייט 1)

ווי מעהר ניט צוגענומען ווערען. און
דאָס וועט ווייטער שפּעטער אויך זיין מיט
די ווייסט און דרעס מאַכער. דערווייל
אָבער וועט מען נאָך צווישען זיי דאַרפען
אָנפיהרען אַן אַגיטאַציע, זיי אויפקלערען,
אַז וואָך־אַרבייט איז בעסער ווי שטיק־
אַרבייט, אויך פאַר זיי.

דיזער קאַמפּיין פאַר וואָך־אַרבייט וועט
זיך קירצליך אָנפאַנגען צווישען אונזערע
ווייסט און דרעס מאַכער און מיר האָפען,
אַז דאָס וועט געוויס ברענגען גוטע רע־
זולטאַטען פאַר אַלע אַרבייטער אין דער
אינדוסטריע. „וואָך־אַרבייט" דאַרף זיין
דער לאָזונג פון אַלע ווייסט און דרעס־
מאַכער, אין אַלע ווייטערע אַגרימענטס וואָס
וועלען דאַרפען געשלאָסען ווערען מיט
די באַלעבאַטים, און עס איז די פליכט
פון די מעהר באַוואוסטזיניגע אַרבייטער
אין דער אינדוסטריע, דאָס אויפצוקלערען
די אַנדערע אַרבייטער.

אין א קליין שטעטעל

(נאָוועלע)

פון מרים קאַרפּילאָוו.

(פאָרזעצונג)

אין ברכה איז אַליין מיט איהרע געדאַנקען פאַרבליבען,
אין וואָס די מאַמע האָט געהייסען, געפאָלגט.

זי האָט געהאַט גענוג וועגען וואָס צו טראַכטען; זי האָט
א ז ו י פ י ל. צייט זי איז ניט געשטאָרבען — אריבערגע־
לעבט. און די מאַמע אויך. אַרימע מאַמע, וויפיל זי האָט זיך
נעבאַך צוליב איהר אָנגעליטען. דעם טאַטען, מיט דער בהמה
מיט איהר, איינע אַליין געמוזט צוזעהן. קיינעם איז שוין
ניט אריינגעפאַלען, זיך פון דער גאַנצער וועלט מיט איהר טאָכ־
טער'ס אונגליק באַהאַלטען.

אַרימע מאַמע! זי איז קוים א לעבעדיגע אין יענער שרעק־
ליכער, פינסטערער ווינטער־נאַכט צוריק אַהיים געקומען... קוים
וואָס זי האָט זיך אויף איהרע פיס געהאַלטען. און די ליגענס,
וואָס זי האָט דעם קראַנקען דאַמאָלס געמוזט זאָגען!

ברכה'קען, האָט זי איהם געזאָגט, ליגט און אוי'קעט, ווייל
זי האָט איהר איינגעטיילט א חלק דערפאַר וואָס זי האָט דעם
שטיקעל געלאָזען עסען, און די בהמה איז אריינגעלאָפען און
זי האָט געמוזט ביי נאַכט, אין דער פינסטער ליפען די בהמה
געפינען זי אַהיים צו ברענגען."

און דער קראַנקער טאַטע האָט געגלויבט; די מאַמע האָט
איהם נאָך קיינמאָל אין לעבען קיין ליגען ניט געזאָגט...
א ז א ליגען!

ברכה'ן האָט זיך געדוכט, דאָס די מאַמע האָט אפילו פון
איהר אַליין דעם שרעקליכען אמת געוואָלט צו באַהאַלטען... זי
פלעגט זיך נאָר מיט שרעק נאָך יענער נאַכט צוהערען זיך צו
טריט וואָס פלעגען זיך אַרום הויז לאָזען הערען, און איינמאָל,
ווען א קאַץ האָט זיך אונטער'ן טיר צומיאַוקעט, איז זי א פאַר־
ציטערטע געוואָרען, געמיינט אַז א קינד וויינט...

ברכה'ן האָט זיך שטאַרק געוואָלט וויסען וואָס די מאַמע
האָט ד ע ר מ י ט געטאָן, אָבער זי האָט ניט געוואַגט זי צו
פרעגען. דער מאַמע'ס צרות מיט'ן שטומען אויסדרוק פון
גוטסקייט האָט זי ביז צו טרעהרען גערירט. א פיינליכער
געפיהל פון רחמנות צו דעם, וואָס איז א י ה ר קינד געווען,
האָט איהר יונג צוואַוועהטאָגט האַרץ געפרעסט; דאָס
קינד איז דאָך ניט שולדיג געווען וואָס זי איז אין אַזאַ'ן אונ־
גליק אריינגעפאַלען. פאַר וואָס האָט דאָס געמוזט ליידען?...

און עס האָט איהר אויף איהר גוטער, פרומער מאַמען
שטאַרק געוואונדערט, ווי אַזוי זי האָט עס א ז א ז א ך גע־
קענט טאָן!

און אפשר איז דאָס טויט געווען, אָהן לעבען אויף דער
וועלט געקומען?

אָבער ניין, דאָס האָט געלעבט, דאָס האָט געמוזט לעבען,
אַז ניט, וואָלט די מאַמע אויף דער קאַץ'ס מיאַוקען ניט מיינען,
אַז א קינד וויינט...

די מאַמע האָט זי איצט פאַר אַלעמען געהאַלטען אין איין
ליבען... אַמאָל פלעגט זי אויף איהר פאַר די שכנים כסדר
מסור'ן דאָס זי איז ווילד, זי וויל איהר נאַרגיט פאָלגען, און
איצט:

„זי פאָלגט אַלץ וואָס מ'זאָגט איהר. רעדט ניט א וואָרט
אַנטקעגען. א מאַן וועט פאַר איהר גליקלאַך לעבען. זאָל זיך
נאָר מאַכען א שידוך מיט א גוטען עהרליכער מענשען, זי וואָלט
איהם ווי אַן אייגענעם זוהן גאָלד אין האַלז געגאָסען. און אין
הונדערט און צוואַנציג יאָהר אַרום וואָלט אַלץ, די נחלה, מיט
די קופּער, מיט די בעטגעוואַנט, מיט אַלץ צו איהם געהערען."

ברכה האָט גוט געזעהן, אַז די מאַמע וויל זי וואָס גיכער
חתונה מאַכען. זי האָט פאַר איהר געזוכט שודכען, וועמען
זי וואָלט מיט איהר קענען אָפּנאַרען... זי איז ביי איהר א
„בראַקאָווענע סחורה" געווען און ס'איז בעסער געווען פון איהר
וואָס פריהער פּטור צו ווערען.

דעם טאַטען'ס הוסט איז מיט'ן צוריקקומען אין שטעדטעל
נאָך ערגער געוואָרען. ער האָט שוין אין שוהל אַזוי ווי אַמאָל
ניט געקענט געהן; ער האָט זיך געמוזט ש ל ע פּ ע ן און זיך
אַלע ווײַלע אָפּשטעלען כדי זיך גוט אויסהוסטען.

די גרויס־שטאָרטיגע בהמה האָט אין שטעדטעל אויפגע־
הערט מילך צו געבען, און ברכה איז די גאַנצע שפּייזערקע אין
הויז געוואָרען. זי האָט ניט געוואָלט דערלאָזען די מאַמע זאָל
זיך מיט אַן אַלמערל צוריק אין מאַרק שטעלען; די מאַמע האָט
שוין אויף דעם קיין כח ניט געהאַט.

„ניטאָ אַמאָליגע כחות", האָט זיך גוטע אויף איהר „לעדיג
זיצען" פאַר די שכנות פאַרענטפערט. „די עלטער קומט. נאָך
א ביסעל, און מ'וועט פון דאַרטען א „פּאָוועסטקע" צושיקען,
אַז ס'איז שוין צייט אַהין צו קומען. א דאַנק גאָט פאַר ברכה־
קע'לען. זי אַרבייט איצט פאַר דרייען".

„ס'איז קענטיג", האָבען די שכנות געזאָגט, „אַז ברכה'קע
האָט אין דער גרויסער שטאָט קיין האָניג ניט געלעקט: אַוועק־
געפאָהרען אַהין א בליהענדיגע ווי א בלום, און איז צוריקגע־
קומען אַזאַ — — — חושך'דיגע.

„וואָס ווייסען זיי", האָט גוטע אויף דעם געענטפערט,
„וואָס א גרויסע שטאָדט קען אין א קורצער צייט מאַכען פון
א מענשען! דעם מאַרך פון די ביינער ציהט עס אַרויס. ס'מאַכט
אַלט פאַר דער צייט. נאַכאַנאַנד מ'יאָגט זיך. תמיד האַלטען
זיך נאָר אין איין יאָגען. דער אַלטער האָט דאַרטען כסדר גע־
קרענקט. מ'האָט אַרום איהם באַדאַרפט אַרומגעהן, צוזעהן, גע־
בען וויינאָרע, איז ברכה'קע'לע נעבאַך טאָג ווי נאַכט איבער
דער מאַשין געזעסען, אויף א רגע פון דער אַרבייט ניט אָפּגע־
טראָטען. די אויגען האָבען זיך ביי איהר געקלעפּט און זי האָט
זיך שלאָפען ניט געלעגט כדי נאָך און נאָך א פּאָר גראָשען צו מאַ־
כען. ס'איז נאָך א וואונדער וואָס זי זעהט א ז ו י אויס. אַן
אַנדערע אויף איהר אָרט וואָלט אין גאַנצען איהר אויסזעהן פאַר־
לאָרען..."

די שכנות האָבען דאָס אויסגעהערט און געהייסען ווייערע
קינדער זיך לערנען פון ברכה'קען ווי טאַטע־מאַמע צו שאַנעווען.

דאָס איז די קינדער ניט אָנגעשטאַנען, און זיי האָבען מיט
א וואונש אויף „עפּעס" געענטפערט, אַז בעסער זאָל מען זיי
פון איהר ניט הייסען לערנען, ווייל זיי קענען נאָך חרטה האָ־
בען... ניט אַלעס וואָס בלישטשעט איז גאָלד; די מאַמעס ווייס־
סען איינס און די קינדער ווייסען צוויי...

קלאַנגען האָבען זיך צו די דאָזיגע קינדער פון שטאָדט דער־
טראָגען, אַז די ברכה'קע איז דאָרטען נעבאַך מיאוס אריינגע־
פאַלען. זי איז נעפאָהרען צוליב'ן שוועסטער'ס שוואָגער... גע־
מיינט, אַז ער וועט מיט איהר גלייך חתונה האָבען. ערשט ער
האָט זיך ניט געריהרט פון אָרט... דעם פּראָצענטניק'ס טאָכ־
טער איז איהם בעסער געפעלען. ער האָט זיך נאָר אין איהר
„פאַרליאָבעט", מ'האָט זיי געזעהן ביידען געאַרעמט איבער די
גאַסען אַרומגעהן און־אין טעאַטער און אומעטום, און ברכה'קע
פלעגט זיך רייסען די האָר פון קאָפּ, ליגען גאַנצענע טעג און
וויינען.

איז שוין א וואונדער, — האָבען זיי געזאָגט, — ווי זי
זעהט אַזוי אויס? איז נאָך איהם געלאָפען, געלאָפען, זיך גוט
אָנגעלאָפען און איז ערשט מיט לערינגען אהיים געקומען. ניש־
קשה, מ'ווייס דאָס. וועגט האָבען אויערען און פעלדער האָבען
אויגען. מ'קען פון דער וועלט גאָרנישט באַהאַלטען...

און אַזוי איז ברכה'קע אַרויף אויפ'ן צעטעל פון די, אויף
וועלכע מען האָט גערעדט... זי האָט עס געוואוסט און דערפאַר
נאָך ווייטער פון אַלעמען זיך געהאַלטען.

די בעסטע זאַך, וואָס זי וואָלט געקענט טאָן, האָט ברכה
וועגען זיך געטראַכט, איז ש ט אַ ר ב ע ן.

זי וואָלט עס געטאָן. איז איהר אָבער אויף טאַטע־מאַמע
א רחמנות געווען. וואָס וועט פאַר זיי ווערען? און איז זי
ניט שולדיג געווען דער מאַמען פאַר די גוטסקייט, וואָס זי האָט
צו איהר דורך דער צייט אַזוי שוויינענדיג אַרויסגעוויזען? זי
האָט איהר וועגען ד ע ם נאָר ניט דערמאָנט, נאָרנים... זי
האָט איהר, — ווי אַנדערע מאַמעס וואָלטען דאָס געטאָן, —
קיין קללה ניט געגעבען, געקוקט אויף אַלץ אַזוי ווי ווען זי
פלעגט זאָגען:

„פאַרפאַלען. וואָס פון וואָגען אָראָפּגעפאַלען — איז פאַר־
פאַלען"...

זי האָט געוואָלט אימיצען פאַר ברכה'קען, וואָס זאָל זיין
גוט צו איהר, מיט וועמען מ'זאָל קענען אָן דעם אונגליק פאַר־
געסען...

זי האָט געבעטען א שדכן ער זאָל ברכה'ן א שדוך רייד־
ען. ער זאָל איהר עפּעס א שטילען, עהרליכען בחור געפינען. זי
וועט איהם האַלטען אויף קעסט, אויף „אייביגע" קעסט. איהם
וועט זיין גוט די וועלט. זי וועט צו איהם זיין א מאַמע. זי
ווערט אַלט, און וואָלט זעהר וועלען איהר ברכה'קע'לען ביים
לעבען צו דער חופּה פיהרען.

מיט א גאַנגענדען וועהטאָג אין האַרצען פלעגט זיך ברכה
צוהערען צום געזאַנג וואָס איז פון ערגעדוואו אַרום צו איהר
אַ'יער געקומען.

וויפיל עראַינערונגען פון דער נאָך גאָר ניט ווייטער פאַר־
גאַנגענהייט דאָס האָט אין איהר אַרויסגערופען!

ניט לאַנג צוריק איז זי צווישען אַלע די ערשטע זינגערקע
געווען, און איצט — איצט האָט זי אין זיין אונגליקליך אַלע
איהרע „העלדינעס" פון די ראָמאַנען איבערגעשטיינט.

צום אונגליק, האָט דער שדכן גיך די „פּאַסענדע פּאַרטי"
פאַר איהר געפונען.

דאָס איז געווען א סופר'ס א זוהן. האָט זיך נאָך דערווייל
געלערנט צו שרייבען ספרי תורות. איז געווען זעהר־קליין,
מאָגער און בלייך. עס איז געווען א צער אויף איהם צו קוקען.
און עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט אַליין פון זיך דעם צער ניט גע־
קענט זעהן, האָט ער אַזוי מאָדנע רחמנות'דיג געקוקט און אַזוי
קרענקליך שולדיג געשמייכעלט.

ער איז ברכה'ס מאַמע גלייך געפעלען געוואָרען. דעם אַל־
טען — אויך: ער האָט זיך אויף איהם הוסטענדיג אַזוי אוכ־

דער מיטינג פון אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אין אטלאנטיק סיטי

פון ש. יאנאווסקי.

אטלאנטיק סיטי איז בשום אופן ניט א פלאץ צו אמוזירען זיך און צו האבען פארגעניגען אין מיטען ווינטער. דער באארדוואק ביים ברעג פון אטלאנטיק, וואס איז זומער-צייט אזוי איבערפילט מיט מענער און פרויען, וואס דאס אליין איז די גרעסטע ציהונגס-קראפט פאר די באזוכער, איז אין ווינטער-צייט פוסט און פארלאזען, און נאר זעלטען-ווען זעהט מען א פארבייגעהער אדער א וועגעלע מיט אימיצען אינעווייניג, געשטופט פון א ניגער. ניין, אטלאנטיק סיטי איז ווינטער-צייט ניט קיין פלאץ, וואו מען קען ערווארטען פיל פארגעניגענס. און דאך, פאר דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד איז אטלאנטיק סיטי געווען דער שענסטער פארגעניגענס-פלאץ; איז דאך אטלאנטיק סיטי געווען דער פלאץ, וואו די מאנופעקטשורערס האבען זיך פארזאמעלט לעצטען אקטאבער און געגרינדעט זייער בארימטע פעדעריישאן פון די פארשידענע מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאנס, און וואו זיי האבען זיך פארשווארען צו פארניכטען די קלאוקמאכער יוניאן; וואו זיי האבען באשלאסען איינצופיהרען ווידער שטיק-ארבייט, פארלענגערען די ארבייטס-וואך, אויף 5 שטונדען, און ארונטערשניידען די ארבייטער'ס שכירות.

זיכער מיט זייער מאכט, ניט האבענדיג דעם מינדעסטען צווייפעל, אז דאס מאל וועלען ז י י די בעלי בתים פון דער לאגע, האבען זיי, מיר שטויסען זיך אן, געפיהלט זיך זעהר געהויבען אין אטלאנטיק סיטי, און האבען געטאן אלעס, וואס זאל די שטימונג זייערע מאכען נאך געהויבענער... און אין דעם רוישען פון די ים-כוואליעס האבען זיי זיכער ניט געהערט קיין אנדער ווארט, ווי „זיג, זיג איבער דער יוניאן."

אבער, ווי שלעכט זיי האבען עס אויסגעטייטשט דעם גרויסען גערויש פון די כוואליעס! און ווען דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד איז אנגעקומען זונטאג אוונט, דעם 12טען פעברואר, אין אטלאנטיק סיטי, און האט זיך ארויסגעלאזען אויפ'ן באארדוואק, ניט אכטענדיג אויף דעם רעגען און דעם נאסען שנעע, האבען זיי אין דעם גערויש פון די כוואליעס ניט געהערט קיין אנדער זאך, ווי: „בראוואָ, קלאוקמאכער, פאר אייער גרויסען קאמף און גרויסען זיג!"

אז דאס, און נאר דאס האבען די כוואליעס פאר אונז געזונגען, וועגען דעם קאן נאר קיין צווייפעל ניט זיין, ווייל מיר אלע, פרעזידענט, וויס-פרעזידענטען, און דער שרייבער פון דיזע צייליען, האבען געהערט דעמזעלבען ניגון פון די כוואליעס.

נאר זאל דער לעזער דערפון ניט שליסען, אז אט דער געפיהל פון נצחון-פרייד האט געפונען דעם מינדעסטען אויסדרוק אויף אונזער ערשטען מיטינג, מאנטאג, דעם 13טען פעברואר. דער געפיהל איז געווען אזוי זעלבסטפארשטענדליך, אזוי קלאר, דאס ער האט זיך ניט גענויטיגט אין ווערטער; דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האט דארום ניט פארלוירען קיין מינוט צייט וועגען דאס, וואס איז אויפגעטאן געווארען, און איז גלייך צוגעטראטען צו דער ארבייט, וואס די נעקסטע שעה פאדערט.

און אט וועגען וואס עס האט זיך געהאנדעלט אויף די ערשטע צוויי מיטינגען, אויף וועלכע עס איז אויך געווען אנוועזענד גענ. הילקוויט, און וועמעס ווארט האט באדייטענד געהאלפען צו שאפען די נויטיגע קלארקייט.

צוערשט האט עס זיך געהאנדעלט וועגען דער אונטערזוכונג, וועלכע די פעדעראל רעגירונג קלייבט זיך צו מאכען אין דער קלאוק-אינדוסטריע. און, כאטש אלע ווייסען מעהר אדער ווייניגער וועגען דעם, וועט עס דאך ניט זיין איבעריג, צו זאגען א פאר ווערטער פאר דער פולער פארשטענדניס פון דער דאזיגער זעהר וויכטיגער פראגע.

מיט צוויי יאהר צוריק האט אונזער אינטערנעשאנאל אויף איהר קאנווענשאן אין שיקאגא אנגענומען א רעזאלוציע אין וועלכער זי האט אויפגעפאדערט די רעגירונג אין וואשינגטאן צו מאכען א גרינדליכע אונטערזוכונג אין דער קלאוק-אינדוסטריע. פאר וואס האט עס די קאנווענשאן אנגענומען אזא באשלוס דאן? ווייל פון פילע זייטען איז געמאכט געווארען די ארבייטער דער ביטערער פארווארף, אז די ריכטיגע און די ערגסטע פראפיטירער, זיינען נאר זיי, די ארבייטער; זיי רייסען פון זייערע באסעס אונערהערטע וויידזשעס; זיי שיטען זיך פשוט אן מיט געלד אויף דעם חשבון פון דעם ארימען, הילפלאזען פובליקום; און אז אין דער אמת'ן זיינען די בידנע מאנופעקטשורערס נאר אמת'ע מלאכים אין פארגלייך מיט דעם פראפיטירער, דעם ארבייטער. איז אט אום צו מאכען איינמאל פאר אלע מאל א סוף צו דעם בלבול אויף די ארבייטער, האט די קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל אנגענומען די דאזיגע רעזאלוציע, איהר אפגעשיקט נאך וואשינגטאן, און ערווארטעט פון דער רעגירונג אן ענטפער. אבער קיין ענטפער איז ניט געקומען, און דערמיט איז די גאנצע געשיכטע איינגעשלאפען.

ערשט, ווען עס האט אויסגעבראכען דער לעצטער סטרייק, און די מאנופעקטשורערס האבען דערפיהלט, אז זיי האבען פארלארען, האבען זיי אנגעהויבען דאקוטשען דער רעגירונג אין וואשינגטאן, אז זי זאל זיך אריינמישען אין דעם סכסוך. דאס אבער האט די רעגירונג ניט געקאנט טאן אהן די צושטימונג פון דער יוניאן, און איבערהויפט נאך, ווען די יוניאן האט געהאט איהר קאורט אינדזשאנקשאן געגען די באסעס. ערשט, ווען דער סטרייק האט זיך געענדיגט מיט א זיג פאר די ארבייטער, האבען די מאנופעקטשורערס ערקלערט, אז זיי ווילען אן אונטערזוכונג אין דער קלאוק-אינדוסטריע, כדי אויף דעם בזיס פון דער אונטערזוכונג זאלען זיי קאנען שליסען מיט דער יוניאן אן אגרימענט, ווען דער איצטיגער אגרימענט וועט זיך ענדיגען.

און אט צו דעם פארלאנג פון די מאנופעקטשורערס האט זיך שוין די רעגירונג אין וואשינגטאן באציגען מיט מעהר אויפמערקזאמקייט, ווי צו דעם פארלאנג פון דער יוניאן מיט צוויי יאהר צוריק, און די צוויי סעקרעטערע פון האנדעל און ארבייט, די הערען הואווער און דייוויס, האבען געלאזט וויסען פרעזידענט שלעזינגער, אז די רעגירונג איז בארייט צו מאכען די אונטערזוכונג מיט דער באטייליגונג פון פארשטעהער פון דער מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן און פון דער אינטערנעשאנאל, און אויך פון דער רעגירונג.

פרעזידענט שלעזינגער האט געענטפערט, אז געוויס איז ער ניט געגען אן אונטערזוכונג; האט דאך מיט צוויי יאהר צוריק די אינטערנעשאנאל אליין געפאדערט עס פון דער רעגירונג; נאר, די פראגע איז בלויז, וואס פאר אן אונטערזוכונג די רעגירונג האט בדעה צו מאכען. אויב בלויז אן אויבערפלעכליכע אונטערזוכונג, „כמישה", פון דער לאגע אין די שעפער, פון די ארבייטער-וויידזשעס, פון די ארבייטס-שטונדען, איז ער בשום אופן צו אזא אונטערזוכונג ניט מסכים, ווייל אזא אונטערזוכונג וועט ניט ברענגען קיינע נוצען. אויב יא אן אונטערזוכונג, מוז זי זיין א אמת-גרינדליכע. עס מוז אונטערזוכט ווערען, וויפיל די מאנופעקטשורערס מוזען באצאהלען פאר די ווארע אין די פארשידענע וואולען-מילס און טוך-פאבריקען, און אויב די קלאוק-מאנופעקטשורערס ווערען פון זיי ניט בארויבט. עס מוזען אונטערזוכט ווערען אלערליי אנדערע פעקטארים, וואו דער קלאוק-מאנופעקטשורער קויפט אלעס, וואס איז נויטיג, אום צו שאפען פארטיגע קלאוקס. דאן מוז אויסגעפונען ווערען, וואס פאר א פראפיט דער ריטיילער שטעלט זיך אויף יעדען קלאוק, וואס ער פארקויפט; דאן די עקספענסעס פון דעם מאנופעקטשורער, די סאמע נויטיגע און די, אהן וועלכע מען וואלט זעהר גוט געקענט אויסקומען, און דאן די סיסטעם פון ארביים, די ארבייטער-וויידזשעס, די נאטור פון דער קלאוק-אינדוסטריע, איהרע קורצע סעזאנס א. ז. וו. נאר צו אזא גרינדליכער אונטערזוכונג קען פרעזידענט שלעזינגער געבען זיין פולסטע צושטימונג.

דער ענטפער פון די ביידע סעקרעטערע, הואווער און דייוויס, איז געווען, אז אזא אונטערזוכונג מיינען זיי צו מאכען, און כדי זי זאל זיך אנפאנגען וואס שנעלער, זאל פרעזידענט שלעזינגער זיי צושטעלען די נעמען פון איינינע אונפארטייאישע מענשען, וועלכע זאלען זיך באטייליגען אין דער אונטערזוכונגס-קאמיטע.

אויף דעם האט פרעזידענט שלעזינגער געענטפערט, אז קירצליך דארף פארקומען דער מיטינג פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, פאר וועמען ער האלט פאר נויטיג פארצוברענגען די גאנצע אנגעלעגענהייט.

דאס האט פרעזידענט שלעזינגער אויך געטאן אין זיין רעפארט איבער דער דאזיגער אנגעלעגענהייט; און בעת עס איז אלגעמיין פארשטאנען געווארען, אז די אונטערזוכונג איז און קען זיין פון העכסטער וויכטיגקייט נאר דאן, ווען זי וועט זיין פון דעם גרינדליכען כאראקטער, ווי פרעזידענט שלעזינגער האט עס פארלאנגט, און דאס אזא מיטטיילונג פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד זאל צוגעשיקט ווערען צו די ביידע סעקרעטערע, האט זיך אבער ענטוויקעלט א שטארקע דעבאטע איבער דער פראגע: ווער זאלען עס זיין די פערזאנען, וועלכע זאלען אין דער קאמיטע פארטרעטען די אינטערעסען אין דער אינטערנעשאנאל? די רעגירונג פאדערט אן אונפארטייאישע קאמיטע. געוויס, אזא איז נויטיג, כדי די אונטערזוכונג זאל זיין א העכסט-אונפארטייאישע. אבער, וואו געפינט מען עס אין דער איצטיגער צייט פון ברענענדע קעמפע צווישען קלאס און קלאס אט די אונפארטייאישע מענשען? און ארום דעם האט זיך געדרעהט די גאנצע זעהר לאנגע בערינגע דעבאטע. נאטירליך, האט די יוניאן פילע מענשען אין אויג, וועלכע זיינען, לויט איהר מיינונג, זעהר פעהיג און זעהר עהרענהאפט, און זי וואלט זעהר געוואלט זיי האבען אין דער קאמיטע, אבער די פראגע איז אויב די וועלכע פערזאנען וועלען זיין פערסאנא גראטא פאר דער רעגירונג. מעגליך, אז פון דעם שטאנדפונקט פון דער רעגירונג וועלען זיי זיין ניט גענוג אונפארטייאיש. און ווידער, אז די יוניאן זאל איבערלאזען דעם שיקזאל פון איהר גאנצער מיטגלידערשאפט אין די הענד פון מענשען, וועגען וועלכע זי איז ניט זיכער ניט אין זייער סימפאטיע און אפילו ניט אין זייער פארשטענדניש פון די פראגען און נויטען פון די ארבייטער אין דער קלאוק-אינדוסטריע איז דאס א געראנג, וואס זי קען אויף איין מינוט ניט צולאזען. דאס איז וואס מאכט די לאגע אין דער פראגע פון דער רעגירונגס אונטערזוכונג אזוי שווער, דאס שווערער אין די לאגע, וואס די באסעס און זייערע צייטונגען טריאומפירען שוין באצייטענס, אז די אונטערזוכונג וועט זיי ברענגען אלעס וואס זיי ווינשען. נאטירליך, וועט דער דאזיגער טריאומף זיך ארויסווייזען אזא אילוזיע, ווי אלע זייערע אנדערע טריאומפען, וואס זיי האבען געהאט ביז איצט; אבער אפילו אז די גאנצע אונבאגרינדעטע בארימעריי ברענגט ארויס קלאר, ווי נויטיג עס איז די העכסטע פארזיכטיגקייט אין דער צוזאמענשטעלונג פון דער קאמיטע.

פילע נעמען פון פארשידענע מענשען, מאנכע זעהר פראמינענטע און מאנכע ווייניגער פראמינענטע, זיינען דיסקוטירט געווארען, אבער מען איז געקומען צו דעם באשלוס, אז דאס בעסטע און ראטזאמסטע איז איבערצולאזען עס אין גאנצען צו דער פולמאכט פון פרעזידענט שלעזינגער, און דערווייל זאל א בריף אין דעם נאמען פון דער ג. ע. ב. אוועקגעשיקט ווערען נאך וואשינגטאן, אין וועלכען עס זאל נאך א מאל באטאנט ווערען, וואס עס מוז זיין דער כאראקטער פון דער רעגירונגס-אונטערזוכונג, און דעם נאר אזעלכע וועט זיין צופרידענשטעלענד פאר דער יוניאן. אין א פארקעהרטען פאל וועט די יוניאן ניט קענען נאר ערדערש האנדלען, ווי געזעצליך זיך צוריקציהען פון דער אונטערזוכונגס-קאמיטע און דערמיט אויך ארפווארפען פון זיך יעדע פאראנטווארטליכקייט פאר איהרע אויפטואונגען.

די צווייטע פראגע, וואס האט גלייך פארנומען דעם גאנצען, פולסטען אינטערעס פון דעם גאנצען דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, איז געווען דער סטרייק דער העלדישער קאמף פון די ליידיס וועיסט מייקערס אין פילאדעלפיא.

דער סטרייק, ווי באקאנט, געדויערט שוין 26 וואכען. דער סטרייק, ווי באקאנט, איז ארויסגעצוואונגען געווארען אויף די ארבייטער פון די וועיסט מאנופעקטשורערס. די פארדערונגען, וואס זיי האבען ארויסגעשטעלט, ווען זיי וואלטען אנגענומען געווארען פון די ארבייטער, האבען ניט באצוועקט קיין אנדער זאך, ווי די צוריקברענגונג פון די ארבייטער צו דער קלענליכער לאגע פון די ארבייטער פון צעהן יאהר צוריק און דאן, נאטירליך, צו דער גענצליכער פארניכטונג פון דער יוניאן. אלעס איז אנגעווענדעט געווארען פון דער זייט פון פרעזידענט שלעזינגער און דער לאקאלער פיהרערשאפט פון דער יוניאן אויסצומיידען דעם קאמף. אבער די באסעס זיינען באשטאנענען אויף זייערע אונערהערטע פאדערונגען און אין איין שעהנעם טאג האבען זיי פראקטיש געצוואונגען די ארבייטער צו פארלאזען זייערע שעפער.

א האלב יאהר האלט שוין אן דער קאמף, און די צאהל סטרייקער, וואס זאלען האבען פארלאזען זייער יוניאן און צוריקגעגאנגען ארבייטען אויף די באדינגונגען פון די באסעס, קען מען פראקטיש איבערצעהלען אויף די פינגער. דיזער קאמף-גייסט, אהן דער מינדעסטער איבערטרייבונג, איז אזוי שטארק איצט ווי אין דעם ערשטען טאג, ווען די ארבייטער זיינען ארויס אין קאמף.

די אינטערנעשאנאל האט שוין ביז

דאנק די פילע רעדען, וועלכע מיר האבען געהערט פון אנדערע מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע, מוזען מיר צוגעבען, אז איהר אלגעמיינע אינטעליגענץ איז פון א גאנץ הויכען גראד און האט געוויס פיל ביי־געטראגען צום ערפאלג פון לאקאל. עס איז ווירקליך געווען פאר אונז אן אמת'ער גייסטיגער גענוס צו הערען דיזע רעדען, בייצוואוינען סיי דעם מיטינג און די גאנץ שעהנע שמחה'לע, וועלכע האט געפאלגט נאך דעם מיטינג אין דעם קאאפעראטיווען רעסטאראנט אויף סעקאנד עוועניו.

בעת די עקזעקוטיווע אין אלגעמיין בלייבט די אלטע, איז דער מענעדזשער, וועלכער פארנעהמט דעם פלאץ פון ברודער וועקסלער, דער גוט-באקאנטער ברודער סעמועלס. ער איז איינער פון די עלטסטע מיטגלידער פון דעם לאקאל, איינער פון זיינע געטרייסטע, איבערגעגעבענסטע טוער, און דער מאנטעל פון ברודער וועקסלער האט ניט געקענט פאלען אויף קיין בעסערען און פעהיגערען מענשען. מיר קענען ברודער סעמועלס שוין היבשע עטליכע יאהר, און מיר קענען נאר זאגען גוטעס וועגען איהם. מיר זיינען זיכער, אז עס וועט ניט נעהמען קיין לאנגע צייט, און ער וועט האבען דעם פולסטען צוטרוי פון דער גאנצער מיטגלידערשאפט, ווי אויך די פולסטע מיטארבייטערשאפט פון דער עקזעקוטיווע. מיר ווינשען לאקאל 20, דער גאנצער עקזעקוטיוו קאמיטע און איהרע צוויי הויפט-באאמטע, ברודער סעמועלס, דעם נייעם מענעדזשער, און ברודער פרידמאן, דעם סעקרעטער, דעם שעהנסטען און בעסטען ערפאלג אין זייער ווייטערער ארבייט פאר זייער מוסטערהאפטער יוניאן.

א ווינטער-פריהמארגען

פון מ. פערעלמוטער.

א בלוליך-ווייסער זילבער-פוך
ליגט אייסגעשפרייט
אויף פלאך און וואנד און דאך
און בלענדט די פארשלאפענע אויגען מיינע;
א באפעדערטער קוימען
רויכעלט זיך אין בייגעלעך, אין שרייפעלעך
און דערמאנט אן א גרייז,
וואס פיפקעט אין האלב-דרימעל זיין ליולקע-ציבוק;
די שפורען פון הינטישע לאפקע-טריט
אויפ'ן יונגפרויליכען שניי
מאניען מיך אין א וואונדערליכען מערכען-לאנד;
אן אלטימשקער מיט'ן קאפ אין קאלנער אריינגעצויגען,
מיט'ן טלית ותפילין אונטער'ן ארעם
געהט מיך פארביי
און די מטרא ווערט אויגענבליקליך
אין מיין ווייטען, אלטפרענקישען שטעטעל
פארוואנדעלט...

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly

Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126.
B. SCHLESINGER, President. S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.

Vol. IV. No. 8. New York, Friday, Feb. 24, 1922.

Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

די „טויטע האנד", וועלכע סטראשעט דער ארבייטער באוועגונג.

די אלץ שטארקער ווערענדע פאדערונג, אז די יוניאנס זאלען ווערען אונטערווארפען אונטער דעם געזעץ, ווי אלע אנדערע קארפאריישאנס, שיינט פון אויבען־אויף צו זיין א גאנץ בארעכטיגטע. ווארום זאלען טאקע יוניאנס זיין אן אויסנאהם? ווארום זאלען די יוניאנס בילדען מיט זיך, זא־צו־זאגען, א שטאאט אין א שטאאט? ווארום זאל דער שטאאט מעגען און קענען פארשרייבען די פיהרונג פון א באנק, אדער פון אירגענד וועלכער אנדערער קארפאריישאן, און זאל גארניט טארען אריינבליקען אין די פיהרונגען פון א יוניאן? ווארום מוז די באנק אפגעבען עפענטליך דין וחשבון, און די רעגירונג קען עס צו יעדער צייט פארלאנגען, ווען זי האלט איהר אריינמישען־זיך נויטיג פאר די באשיצונג פון די אינטערעסען פון פובליקום, און ווארום זאל זי ניט קענען טאן דאס זעלבע אין די יוניאנס פאר די באשיצונג סיי פון די אינטערעסען פון פובליקום און סיי פון איהר אייגענער מיטגלידערשאפט?

*

זאל דא גלייך צוגעגעבען ווערען, אז פאר איינצעלנע זאגענאנטע יוניאנס, אין וועלכע די גרויסע מיטגלידערשאפט האט געהאט בלויז איין פליכט: צו צאהלען זייערע דיוס, און שווייגען צו אלץ, וואס זייערע באססעס, ריכטיגער זייערע הערשער, טוען, וואלט אזא אריינמישונג פון אן אויסערליכער מאכט געווען ווי געוואונשען. ווען מיר זעהען, צו אונזער ביטערען פארדרוס, ווי אין אזעלכע אזוי־גערופענע יוניאנס איז די מיטגלידערשאפט איינפאך מאכטלאז נעגען איין בויאן אדער נעגען א געוויסע קליקע בויאנעס, און דאס די יוניאן האט ניט קיין מעגליכקייט פטור צו ווערען פון זיי, סיידען עס פאסירט א נס, ווי, למשל, אן אונטערזוכונג פון א לעקוואור־קאמיטע, א געריכטליכע אנקלאגע נעגען דעם יוניאן־פיהרער, און נאר דאן קען זי פון איהם פטור ווערען — איז פאר אזעלכע יוניאנס וואלט דאס ברענגען פון דער יוניאן אונטער די אלגעמיינע געזעצע פון א קארפאריישאן געווען, אפשר, זעהר וויגשענסווערט, אויב דער געזעץ אליין וואלט ניט געקענט געמאכט ווערען טויב, שטום און בלינד פון די דאזיגע יוניאן־צארען. אבער אזעלכע יוניאנס זיינען דאך אן אויסנאהם. זוי זיינען די ווילד־פלייש פון דער ארבייטער־באוועגונג, וועלכע פריהער אדער שפעטער וועט אויסגעשניטען ווערען. די דורכשניטליכע ארבייטער־יוניאן האט ניט קיין שום עהנליכקייט מיט די אויבען־דערמאנטע. ווארים וואלט דאס אנדערש געווען, וואלט דאך די גאנצע טרייד יוניאן־באוועגונג שוין לאנג צופאלען פון איהר אייגענער צופוילטקייט. דער פאקט, דאס די טרייד־יוניאן־באוועגונג האלט, אויף צו־להכעיס אלע שטערונגען, אין איין וואקסען, איז דער בעסטער סימן, אז אין קערן איז זי געזונט; אז די יוניאן, כאטש אויסערליך מעג זי האבען אן עהנליכקייט מיט דער קארפאריישאן, אבער אין עצם איז זי גאנץ פארשיידען פון איהר. די קארפאריישאן, ווי עס איז ריכטיג באמערקט געווארען, איז א גוף אהן א נשמה. א נשמה וואלט פאר איהר געווען דער גרעסטער אונגליק. זי וואלט קיין איינציגען טאג ניט געקענט עקזיסטירען, ווען זי וואלט צופעליג דערטאפט אין זיך אזא זאך, ווי א נשמה. די יוניאן איז אבער א קערפער, אין וועלכער די נשמה שפילט די הויפט־ראלע. דערפאר, בעת פאר א קארפאריישאן איז דער געזעץ און זיין אויספאסונג פון דער גרעסטער וויכטיגקייט, ווארים דער געזעץ, אויף וויפיל עס איז מעגליך, פארטרעט דעם פלאץ פון דער נשמה, קען אבער דער זעלבער געזעץ פאר דער יוניאן זיין בלויז א דעמאראליזירענדע קראפט; דער געזעץ, ווען ער זאל קריגען זיין מאכט פון געוועלטיגען אין דער יוניאן, קען נאר טויטען די נשמה. און פונקט, ווי עס איז וויכטיג פאר די קארפאריישאנס וואס ווייניגער נשמה, אזוי איז וויכטיג פאר די אמת'ע ארבייטער־יוניאן וואס א גרעסערע, א ברייטערע נשמה. איהר נשמה־לעבען איז א גרויסער טייל פון איהר לעבען אין אלגעמיין. אהן א נשמה קען קיין יוניאן, אפילו די קאנסערוואטיווסטע, די צוריקגעשטאנענסטע, ניט עקזיסטירען.

*

קומט איהר אמאל, למשל, צו א מיטינג פון דעם דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן אדער צום דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל, און אויב איהר זיינט דארט צום ערשטען מאל, וועט איהר ערשטוינט ווערען, ווי ברייט און גרויס די טעטיגקייט פון דער יוניאן האט זיך פאנאנדערגעצווייגט, אזוי אז איהר ווייסט ניט מעהר, וואו עס ענדיגט זיך איהר ראליע, אלס טרייד־יוניאן, און וואו עס פאנגט זיך אן איהר ראליע אלס אלגעמיינע קהל'שע אינסטיטוציע. איהר קריגט דעם קלארסטען איינדרוק, אז אלעס, וואס איז נאר נוגע די מענשהייט אין אלגעמיין, אין אלע איהרע פראבלעמען און נויטען, איז אויך די זאך פון דער יוניאן. דאכט זיך, די יוניאן איז דאך נאר באשאפען געווארען, אום צו שיצען די אינטערעסען פון איהר מיטגלידערשאפט, אלס ארבייטער אין שאפ, און דאך איז ניטא קיין זאך, וואס איז ווירקליך פון גרויסער וויכטיגקייט, אויף וואס די יוניאן זאל זיך ניט אפרופען. עס שטארבען אין רוסלאנד די פויערים פון הונגער, און באלד ווערט עס די זאך פון דער יוניאן, און עס ווערען געשאפען צעהנדליגע טויזענדע דאלארס פאר די לינדערונג פון דער גרויסער רוסישער נויט. עס גרינדעט זיך ערגעץ־וואו אן ארבייטער בילדונגס־אינסטיטוט, וועלכער נויטיגט זיך אין מיטלען, און עס איז די יוניאן, וועלכע ווערט באלד דער מעצענאט. א צייטונג פון א מעהר אדער ווייניגער ראדיקאלען כאראקטער, געפינט זיך אין נויט, און צו וועמען ווענדעט מען זיך נאך הילף? צו דער יוניאן! און אין די מעהרסטע פעלע ענטפערט זי אויף דעם אפיל מיט דעם העכסטען גרויסמוט. עס שטארבען פון הונגער די מיינערס פון וועסט־ווירדזשיניא — טו ווי קען די יוניאן ניט ענטפערען אויף דעם שרעקליכען געשריי פון די טויזענדע און טויזענדע שמאכטענדע עופה'לאך. מען דארף ארבייטען פאר די באפרייאונג פון די אונשולדיג־פאראורטיילטע פריהייטס־קעמפער — איז עס ווידער די אויסגאבע פון דער יוניאן. און דאס זיינען דאך אלץ זאכען, וועלכע האבען אין דער אמת'ען גארניט צו טאן מיט דער יוניאן־טעטיגקייט, היינט קענט איהר זיך שוין אויסמאלען וואס פאר א חורבן דער געזעץ וואלט אנגעמאכט אין דער יוניאן און אין איהר נשמה־לעבען, ווען ער וואלט געווארען דארט די הערשענדע, די רעגולירענדע מאכט? ער וואלט נאר אנדערש ניט געקענט, ווי איהר באלד בארויבען פון דעם גאנצען גרויסען נשמה־לעבען איהרען. ער וואלט איהר בארויבט פון דאס בעסטע און דאס גרעסטע אין איהר. און דאס וואלט ניט געהאט קיין אנדער ווירקונג, ווי א טויטענדע ווירקונג אויף אונזערע יוניאנס. איצט, אז מיר האבען, אפשר, נאך ניט פילע אזעלכע יוניאנס, קענען מיר דאך ערווארטען, אז מיט דער צייט, מיט דער ווייטערער ענטוויקלונג, וועלען אויך די יוניאנס ערוואכען צו זייער נשמה־לעבען, און אזוי ארום וועט די גאנצע טרייד־יוניאן באוועגונג ווערען דער גרעסטער, דער ווירקזאמסטער פאקטאר אין'ם געזעלשאפטליכען לעבען; קומט אבער די יוניאן אונטער דער ממשלה פון געזעץ, און גלייך ווערט אפגעטויט יעדע איניציאטיווע, יעדער פרייער ריהר, די יוניאן־באוועגונג איז דאן פארדאמט צום אונטערגאנג. זי קען ניט עקזיסטירען אלס קארפאריישאן, ווייל א יוניאן מוז זיין פיל מעהר ווי א פאראייניגונג פון זעלבסטזיכטיגע אינטערעסען; זי קען אבער ניט עקזיסטירען אלס יוניאן, ווייל ווי נאר די פאראליזירענדע קראפט פון געזעץ ריהרט איהר אן, מוזען אונטער זיין געפעהרליכען טאפ די שענסטע בליטען פון יוניאניזם פארוויאנעט ווערען.

*

אט דערפאר זיינען אט די נייע פלענער, וועלכע ווערען געשמידט פון אונזערע בעלי בתים און זייערע משרתים, די געזעצגעבער, אזוי געפערליך. עס איז ניט בלויז דאס, וואס די [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] ניט פיל פארלירען, און אין יעדען פאל וועט זיך אריינמישען די אינדוסטריעלע קאורט, [illegible] ווערען, אז דער אינדוסטריעלער קאורט, כדי ער זאל קענען בלייבען ביי זיין מאכט, וועט ניט אלע מאל פסק'ענען צו גונסטען פון די בעלי בתים, נאר וועט פון צייט־צו־צייט ווארפען אויך א ביינדעל צו די ארבייטער. אבער דאס מאכט ניט די לאגע אויף א האר בעסער. דאס ניט־קענען סטרייקען — דאס אליין מאכט די יוניאנס אוממעגליך צו עקזיסטירען. זאל זיין, אז פילע יוניאנס האלטען ניט פון סטרייקס, און ווי טרייען ווייער בעסט צו געפינען אנדערע וועגען, ווי זיך אויסצוגלייכען מיט זייערע בעלי בתים. אבער דער פונקט איז, דאס אויך אזעלכע יוניאנס קענען סטרייקען, ווען זיי ווילען נאר האבען דעם פארלאנג דערצו. דער נייער געזעץ מאכט אבער דעם פארלאנג פאר א פארברעכען, און דערמיט ווערט געטויט די סאמע נשמה פון דער יוניאן.

*

נאך איין ווארט, אז מיר האלטען שוין ביי דעם ענין, און פאר דערווייל וועט זיין גענוג. ניט אלע סטרייקס זיינען דער רעזולטאט פון א דירעקטען וואונש צו פארבעסערען פאר זיך די אייגענע עקאנאמישע לאגע. פילע סטרייקס ווערען געטראגען פון פיל העכערע שטרעבונגען; צום ביישפיל סימפאטיע־סטרייקס, סטרייקס, וועלכע ווערען ערקלעהרט אויסדריקליך, אום צו העלפען אנדערע ארבייטער געווינען זייערע גערעכטע פאדערונגען. די סטרייקס זיינען געוויס די שעהנסטע בלום אין דער ארבייטער־באוועגונג. זי איז נאך ווייט ניט אויסגעוואקסען צו איהר פולער גרויס, אבער זי איז דא. דורך דעם טויטענדען אטעם פון די ניי־געפלאנטע געזעצע מוז זי געוויסליך פארשניטען ווערען. דאס זעלבע אויך מיט סטרייקס, וועלכע ווערען ארויסגערופען בלויז פאר ארגאניזאציאנס־צוועקען, ד. ה. אום אריינצוברענגען אין די רייהען פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט די, וועלכע זיינען, צוליב אזא אדער אנאנדער אורזאכע, געבליבען דרויסען. אזא סארט סטרייקס ווערט איצט מיט א גאנץ שטארקען עפעקט אנגעפיהרט פון דעם דזשאינט באארד אין דער ווייסט און דרעס אינדוסטריע. א חוץ אלעם איז דער סטרייק, אפגעזעהן פון זיינע עקאנאמישע צילען, איינע פון די וויכטיגסטע בילדונגס־מיטלען פאר דעם ארבייטער. ווער עס האט באאבאכטעט די גרויסע מיטינגען אין דער צייט פון דעם קלאוקמאכער־קאמף און זייער ווירקונג אויף די ארבייטער, דער וועט מיט אונז פאלקאם איינפארשטאנען זיין, אז די קלאוקמאכער פון נאכ'ן סטרייק זיינען גאר אנדערע, ווי די פון פאר דעם סטרייק. זיי האבען דאן געלערענט אזוי פיל, וויפיל זיי וואלטען ניט געלערענט, ווען זיי באזוכען יאהרעלאנג די בעסטע הויך־שולען. דער סטרייק האט ארויסגערופען אין זיי דאס בעסטע, דאס אידעאלסטע אין זייערע נשמות. עס איז געווען א ניגער־ארבייטערקע, א סטרייקערין אין דעם פילאדעלפיער ווייסט מייקער־סטרייק וועלכע האט מיט איינינע טעג צוריק אויף א מיטינג פון די סטרייקערינס אויפגעפאדערט אין א ליידענשאפטליכער רעדע, אז די סטרייקערינס זאלען ביישטייערען פון זייערע פינף און זיבען דאלאר, וואס זיי קריגען אלס סטרייק־בענעפיט, ניט קיין האלבען נאר א גאנצען דאלאר פאר די הונגער־ליידענדע אין רוסלאנד. אט אזעלכע געפיהלען פון העכסטען גרויסמוט, פון אמת'ער העלדישקייט רופט ארויס יעדער ארבייטער־קאמף, און טאקע דערפאר קען די גאנצע ארבייטער־באוועגונג אויף א מאמענט ניט צולאזען דעם געדאנק פון אונטערווארפען זיך ווען עס־איז אזעלכע געזעצע. אזא געהארכזאמקייט וואלט באדייט ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי צוטרעטן דער מאראלישער און דאן דער פיזישער טויט פון דער ארבייטער־באוועגונג.

דער גרויסער וועבער־סטרייק.

אונזער נאהענטסטער מחותן, אונזער ברודער דער וועבער, אהן וועמעס ארבייט קיינע קלאוקס, קיינע סקוירטס, קיינע ווייסטס קענען גאר ניט געמאכט זיין, איז איצט אין קאמף. זיין קאמף איז געגען א באדייטענדער פארקלענערונג פון זיינע ווידזשעס און געגען נאך א היבשע פארגרעסערונג פון זיינע ארבייטס־שטונדען. די בעלי בתים פון די וועבער־מילען אין ניו ענגלאנד ווילען ניט אנדערש ווי אראפרייסען א גאנצען פערטעל פון די ביזאיצטיגע וועבער־ווידזשעס, און ניט אנדערש, דאס די ארבייטער, אנשטאט 48 שטונדען די וואך, מוזען זיי ארבייטען 54. 60 [illegible] וויגען שוין אין [illegible] [illegible] די [illegible] סטרייקער [illegible] ווערען. די סטרייקער [illegible] אין סטרייק מיט דער [illegible] זייער סטרייק [illegible] ווי נאר [illegible] זייער סטרייק מיט דעם [illegible] און [illegible], ווי ווי האבען [illegible] ביים סאמע [illegible] קאמף איז קיין [illegible], אז [illegible] ווי געווינען זייער [illegible] קאמף. אין דעם נאמען פון אונזער גרויסער אינטערנעשאנאל [illegible] מיר ווי פארזיכערען, אז מיר באטראכטען זייער קאמף אלס אונזער אייגענעם, און [illegible] די אינטערנעשאנאל וועט נאר קענען זיי העלפען, וועט זי עס געוויס טאן. מיר ווייסען אויך זיכער, אז די גאנצע ארבייטער־באוועגונג איז אין דער פולסטער סימפאטיע מיט זייער קאמף, און זי וועט זיי העלפען מיט אלע איהרע גרויסע כחות. די הויפט־זאך איז צו פיהרען דעם קאמף אזוי איבערלעגט ווי מעגליך, ניט לאזען זיך פראוואצירען צו אלערליי נארישע טאטען דורך אלערליי שפיאנען און אגענטען פון די באסעס, וועלכע קוקען נאר אויס אויף אזעלכע פעהלשריט פון דער זייט פון די סטרייקער, אום צו מאכען א בלוט־באד, און אויף אזא אופן דערטרינקען דעם ארבייטער־קאמף אין זיין אייגען בלוט. די וועבער האבען שוין דורכגעמאכט אלערליי קעמפע, און מיר האפען, אז זיי האבען ענדליך געלערענט די גרויסע קונסט פון ווירקזאמען קעמפען, און דאך אין דער זעלבער צייט ניט אפשטויסען פון זיך די זאגענאנטע עפענטליכע מיינונג. מיר גראטולירען די סטרייקענדע וועבער פון ניו ענגלאנד מיט זייער מוט און ענטשלאסענהייט ארויסצוגעהן אין קאמף פאר א מענשענווירדיגען לעבען, און מיר זיינען זיכער, אז באלד וועלען מיר זיי קענען גראטולירען מיט זייער פאלשטענדיגען זיג.

דער לעידיס ווייסט מייקערס סטרייק אין פילאדעלפיא.

פילע גרויסע קעמפע האט אונזער אינטערנעשאנאל צו איהר קרעדיט, אבער מיר גלויבען ניט, אויב אלע אונזערע גרויסע קעמפע קענען זיך פארגלייכען אין אויסדויער, אין העלדישקייט, אין ענטשלאסענהייט מיט דעם קאמף פון די לעידיס ווייסט מייקערס אין פילאדעלפיא. דער גייסט, וועלכער באהערשט די סטרייקער, איז אזא, וועלכער קען ווירקליך ניט אויסגעדריקט ווערען אין ווערטער. „העלדיש", „מוטיג" און נאך אזעלכע ווערטער, צוליב דעם אפטען געברויך, ריכטיגער, מיסברויך זייערע, האבען פארלארען זייער באדייטונג, און זיי אפעלירען ניט מעהר צו אונזער פאנטאזיע. גענוג אבער צו וויסען, אז עס איז שוין א האלב יאהר, ווי די־דא ארבייטער, מעהרסטענס מיידלאך, זיינען ארויס אין קאמף, און עס איז לייכט זיך פארצושטעלען דעם עלענד, די נויט, וואס דער דאזיגער קאמף האט געבראכט צו הונדערטע און הונדערטע פון די סטרייקער. ווארים כאטש דער סטרייק האט שוין אפגעקאסט דער אינטערנעשאנאל איבער צוויי הונדערט טויזענד דאלאר, דאך איז אויף יעדען סטרייקער ניט אויסגעקומען מעהר ווי 5 אדער זיבען דאלאר די וואך, א סומע געלד, וואס איז גענוג בלויז אויף ברויט מיט וואסער. גיט נאך דערצו צו, אז די זאגענאנטע עפענטליכע מיינונג אין פילאדעלפיא, ווי זי ווערט אויסגעדריקט דורך דער פרעסע, איז, אויב ניט פיינדליך, יעדענפאלס געווארען גלייכגילטיג און שטום צום קאמף; דאן די משונהדיגע פארפאלגונגען פון דער זייט פון דער פאליס און די קאורטס, און איהר וועט באגרייפען, אז אין דעם פאל פון די פילאדעלפיער קעמפער קען מען ניט ריידען פון דאס, וואס געהט אונטער דעם נאמען העלדישקייט, מוט און פעסטע ענטשלאסענהייט. עס איז ווירקליך פיל מעהר, ווי דאס. און ווי דער קאמף זאל זיך ניט ענדיגען, וועט ער זיין דאס שעהנסטע בלאט אין דער געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל.

אויף דער אינסטאלײשאן פון לאק. 20.

מיר האבען געהאט ווירקליך דאס גרויסע פארגעניגען צו ווערען איינגעלאדען און צו זיין אנוועזענד צו דעם אינסטאלײשאן פון דער נייער עקזעקוטיווע און פון דעם נייעם מענעדזשער פון לאקאל 20, פון די ברידער אונזערע, וועלכע באזארגען די וועלט מיט רעגען־מאנטלען. אונזער איינדרוק איז, אורטיילענדיג פון די אויסערוועהלטע באאמטע, סיי באצאהלטע און סיי די פרייוויליגע, אז לאקאל 20 איז געוויס איינער פון אונזערע סאמע בעסטע. עס איז זיכער, אז פילעס האט דער לאקאל צו פארדאנקען זיין פריהערדיגען מענעדזשער, ברודער וועקסלער, וועלכער האט עס פארשטאנען צו מאכען זיך אזוי באליבט און געאכטעט פון דעם גאנצען לאקאל און אויך רעספעקטירט און געפירכטעט פון די באסעס. אבער, א

פארקויפט געווארען מיט קיין אנדער עסע ווי צו לייזען די פינאנציעלע און עקאנאמישע פראבלעמען פון אייראפא, אבער באמת איז דאס געווען ענגלאנד'ס ענטפער אויף פראנקרייך'ס אינטריגען אין קליין־אזיען און בכלל אן ענטפער אויף פראנקרייך'ס פארמעסטען זיך צו־צונעהמען די וועלט־הערשאפט פון ענג־לאנד, אדער וועניגסטענס צוטיילען זיך מיט איהר.

די ערשטע מיינונגס פארשיידענהייט צווישען ענגלאנד און פראנקרייך האט זיך אנגעפאנגען ניט פון דער גענוא־קאנ־פערענץ, נאר פון דער טריטי וואס די פראנצויזישע רעגירונג האט געשלאסען מיט דער רעגירונג פון די טערקישע נא־ציאנאליסטען אין אנגארא. אט די טרי־טי איז געווען א מעסער אין זייט פון דער ענגלישער אימפעריע און זינט דאן איז דער שלום־בית צווישען ענגלאנד און פראנקרייך צושטערט געווארען.

אויב איהר ווילט, געהט איצט אן אפילו א מלחמה צווישען ענגלאנד און פראנקרייך, א מלחמה דורך דער צווייי־טער האנד. שלאגען שלאגען זיך נאר די טערקען מיט די גריכען, אבער באמת איז דאס א שלאכט צווישען ענגלאנד און פראנקרייך, ווייל די ערשטע שטיצט די גריכען און די צווייטע די טערקען און ווען ביידע וואלטען צוריקגעצויגען זייער שטיצע וואלט די מלחמה געווען אונמעג־ליך.

מיט איהר אפמאך מיט די טערקישע נאציאנאליסטען האט פראנקרייך גע־טראפען ענגלאנד אין איהר שוואכסטען פונקט — אין איהר אימפעריע אין אזיען. עס איז געווען פאר ענגלאנד זעהר ריזי־קאליש איינצורייסען זיך מיט די מאח־מעדאנער, אבער דער נסיון ארויפצולע־גען א לאפע אויף קאנסטאנטינאפאל און די דארדאנעלען איז געווען צו גרויס און ענגלאנד האט אויסגעשטאטעט גריכענ־לאנד צו דערשטיקען די טערקישע אפא־זיציע צו דער פארווירקליכונג פון איהרע אמביציעס אין קליין־אזיען.

אבער דא האט זיך אריינגעמישט פראנקרייך און שטעלט אלע ענגלישע פלענער אין געפאהר. עס איז נאך די גרעסטע געפאהר פאראן, אז פראנקרייך זאל געווינען די סימפאטיע פון דער מאח־מעדאנישער וועלט אויף איהר זייט. דער ענגלישער ענטפער איז געווען — גענוא.

עס איז זעהר א שטארקע דראהונג צו פראנקרייך. עס מיינט — אויב פראנק־רייך וועט ניט צוריקציהען איהר שטיצע פון די טערקען און אויב זי וועט בכלל זיך ניט צוריקציהען פון קליין־אזיען, וועט ענגלאנד מאכען א נייע קאמבינאציע גע־גען איהר אין אייראפא און וועט זי דארט אינגאנצען איזאלירען. דאס ערקלעהרט די איינלאדונגען, וואס די קאן קאנפע־רענץ האט ארויסגעשיקט צו רוסלאנד און צו דייטשלאנד — די צוויי לענדער וואס האבען די גרעסטע שנאה צו פראנקרייך. אויף דער גענוא־קאנפערענץ קען ענגלאנד האבען זעהר א שטארקע בייטש איבער פראנקרייך. וועט זי זיך לאזען בויגען צום ענגלישען וואונש אין קליין־אזיען, וועט זי ענגלאנד שטיצען אין גענוא. אלא ניט — וועט ענגלאנד געהן מיט רוסלאנד און דייטשלאנד, און איטאליען וועט אויך זיין מיט איהר. און דאן וועט פראנק־רייך בלייבען אין א מינאריטעט אין אייי־ראפא, ד. ה. אויפ'ן דיפלאמאטישען לשון — איזאלירט, אפגעזונדערט.

פראנקרייך פארשטעהט די געפאהר גאנץ גוט און דערפון נעהמט זיך איהר פיבערהאפטע טעטיגקייט אפצולעגען די קאנפערענץ. זי קען די קאנפערענץ ניט פארמיידען, אבער זי וויל זיך צוגרייטען צו איהר זי זאל ניט בלייבען אליין. זי וויל אריינברענגען די „קליינע ענטענט" אין דער קאנפערענץ — טשעכאסלאוואַ־קיען, יוגא סלאוויען, רומעניען און פוי־לען. חוץ דעם האט זי זיך א ווארף גע־טאן צו קומען צו א פארשטענדיגונג מיט רוסלאנד. זי שלאגט איצט פאר רוסלאנד בעסערע באדינגונגען, ווי ענגלאנד און דייטשלאנד האבען זיך פארגונען פארצו־שלאגען. עס קלינגט אפילו ווי א בייזער וויץ, אבער עס איז א טאטזאך. ווען עס האנדעלט זיך וועגען אזא וויכטיגען ענין ווי וועלט־הערשאפט, וועט קיין שטאאטס־מאן זיך ניט אפשטעלען צוליב אזעלכע סענטימענטען, ווי אנטי באלשעוויזם. אנטי באלשעוויזם האט געקענט זיין גוט כל זמן ער האט געדינט געוויסע דיפלא־מאטישע צוועקען. אזוי שנעל אבער ווי די לאגע האט זיך געענדערט, איז אויך געקומען די פלוצלינגע ענדערונג פון דיפ־לאמאטישען קורס.

נאטירליך, קיינער קען איצט ניט פאראויסזעהן מיט וואס אט דער דיפלא־מאטישער וועט־לויף וועט זיך ענדיגען. די גענוא אנגעלעגענהייט איז אבער נאך אן איבעריגער באווייז, אז די וועלט־דיפ־לאמאטיע האט ניט געענדערט ניט איהר קאליר און ניט איהר כאראקטער אויף א האר אפילו נאך דעם ווי די וועלט האט געאפפערט דרייסיג מיליאן מענשליכע לעבענס מיט'ן כלומר'שטען צוועק צו מא־כען אזעלכע זאכען אין דער צוקונפט אונ־מעגליך.

א כראנאלאגישע געשיכטע פון לעצטען סטרייק אין דער קלאוק אינדוסטריע

פון אלעקסאנדער טראכטענבערג.

(דירעקטאר פון אינטערנעשאנאל רעקארד און ריסוירדזש דעפארטמענט.)

(פארזעצונג פון לעצטער וואך).

1. די פארגעשיכטע פון סטרייק.

אקט. דעם 12טען און 13טען. — אין אטלאנטיק סיטי ווערט אפגעהאלטען א נאציאנאלע קאנפערענץ פון קלאוק־מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאנס פון פארשיידענע שטעדט „צו באטראכטען טרייד־פראגען". עס ווערט דארט געשא־פען א נייע ארגאניזאציע פון באסעס אונ־טער'ן נאמען „פערייניגטער אסאסיאיי־שאן אין גארמענט מאנופעקטשורערס". צום שלוס פון דעם קאנפערענץ ווערט ארויסגעגעבען א סטייטמענט פאר דער פרעסע, אין וועלכען עס ווערט געזאגט, אז „וואך־ארבייט אין דער קלאוק־אינ־דוסטריע איז דאס גרעסטע אומגליק". די לידערס פון „די פראטעקטיוו מאנופעק־טשורערס אסס'ן" שפילען א פראמינענ־טע ראלע אויף דער קאנפערענץ, און אין דער לופט שמעקט מיט מלחמה געגען די קלאוקמאכער יוניאנס איבער'ן גאנצען לאנד.

אקט. דעם 15טען. — די פראטעק־טיוו אסס'ן האלט אפ א גענעראל מעמ־בער מיטינג אין וואלדארף אסטאריא האָ־טעל. אויף דעם מיטינג ווערט אנגענו־מען א זעהר שארפע רעזאלוציע אין בא־צוג צו די ארבייטס־באדינגונגען אין דער קלאוק־אינדוסטריע. די רעזאלוציע פאר־לאנגט די פאלגענדע דריי ענדערונגען:

1. עס זאל ווידער איינגעפיהרט ווע־רען שטיק־ארבייט.
2. עס זאל פארלענגערט ווערען די ארבייטס־צייט אויף 49 שטונדען א וואך.
3. עס זאלען פארקלענערט ווערען די ווייזדזש־סקיילס פון די ברענטשעס אין טרייד, וואס וועלען בלייבען ארבייטען פון וואך.

די עקזעקוטיוו באארד פון דער פרא־טעקטיוו אסס'ן באקומט די מאכט „דורכצופיהרען" דיזע פונקטען פון דער רעזאלוציע. עס ווערט אויך באשלאסען, דאס דיזע „נייע ארבייטס־באדינגונגען זאלען אריין אין קראפט מאנטאג, דעם 14טען נאוועמבער, 1921. אין יענעם טאג האבען געזאלט אלע מעמבערס פון דער פראטעקטיוו אסס'ן איינפיהרען אין זייערע שעפער „די נייע באדינגונגען".

אקט. דעם 26טען. — עס ווערט אפגעהאלטען אן עקזעקוטיוו מיטינג פון די אלע באאמטע פון דער יוניאן צו בא־טראכטען „די פראגראם פון רעפארמען", וואס די מאנופעקטשורערס האבען בא־שלאסען איינצופיהרען. דער באשלוס פון דעם מיטינג איז, דאס די ארבייטער וועלען קיין מאל ניט אננעהמען דעם פאר־לאנג פון די מאנופעקטשורערס. די יוני־יאן באצייכענט דיזע פארלאנגען פון די באסעס אלס די שמאלינע שקלאפעריי וואס האט עקזיסטירט אונטער'ן סוועטינג סיסטעם, איידער די יוניאן איז געווארען א מאכט.

אקט. דעם 28טען. — די שיקאגא'ר קלאוק־מאנופעקטשורער טוען נאך די ניו יארקער און שטעלען ארויס זייערע אר־בייטער די זעלבינע פארדערונגען. מעהר ניט, זיי איילען זיך ניט אזוי ווי די ניו יארקער באלעבאטים. זיי „באשליסען", דאס אין שיקאגא זאלען די „נייע" אר־בייטס־באדינגונגען אריין אין קראפט דעם 1טען דעצעמבער. נאטירליך, אויך די שיקאגא'ר קלאוקמאכער ווייזען גלייך צוריק דיזע „רעפארמען". די יוניאן ער־קלעהרט, דאס די ארבייטער זיינען גרייט צו קעמפען פאר זייערע רעכטען און פאר דער אויפהאלטונג פון די סטאנדארדס וואס די יוניאן האט שוין איין מאל פאר זיי אויסגעקעמפט.

אקט. דעם 28טען. — דער דזשאינט באארד פון דער ניו יארקער קלאוקמא־כער יוניאן האלט אפ א דזשאינט מיטינג מיט די עקזעקוטיוו באארדס פון די אלע לאקאלס. אויף דעם מיטינג זיינען גע־ווען די פארטרעטער פון די 50 טויזענד קלאוקמאכער אין דער אינדוסטריע. דער מיטינג ווייזט צוריק, איינשטימיג, די אלע פארדערונגען פון דער פראטעקטיוו אסס'ן, און עס ווערט באשלאסען צו קעמפען ביז'ן לעצטען און פארטיידיגען די אלע יוניאן־סטאנדארדס וואס די אר־בייטער האבען שוין פריהער אויסגע־קעמפט דורך פיל מיה, דורך א סך ליידען, אין משך פון א סך יאהרען.

אקט. דעם 29טען. — די פראטעק־טיוו אסס'ן פארבעט דאס „פובליקום" אין איהרע פעקטארים, צו זעהן אז זיי זיינען ניט קיין „סוועט שעפער". די יוני־יאן ענטפערט אבער, דאס די מעהרסטע פון זייערע ארבייט ווערען ניט געמאכט אין זייערע גרויסע שעפער; זייער אר־בייט ווערט געמאכט אין פעסט־שאפקעס פון די קאנטראקטארס, וואו זיי שיקען ארויס זייער ארבייט. די יוניאן דער־קלעהרט אויך, דאס עס איז ניט אין דעם יעצטיגען מאמענט די פראגע פון גרויסע שעפער אדער קליינע שעפער. די הויפט־וואך איז די סיסטעם פון ארבייט. שטיק־ארבייט, וואס די מאנופעקטשורערס ווי־לען ווידער איינפיהרען — זאגט די יוני־יאן — איז שקלאפעריי! דאס וועט ברענגען צוריק דעם „סוועטינג סיסטעם", אין וועלכע שעפער די קלאוקמאכער וואָ־לען ניט ארבייטען! שטיק־ארבייט מוז מיט זיך ברענגען אלע איבלען וואס האָ־בען עקזיסטירט אין דעם טרייד איידער וואך־ארבייט איז איינגעפיהרט געווארען.

אקט. דעם 30טען. — די פילאדעל־פיער קלאוק־מאנופעקטשורערס קומען אויך ארויס מיט די זעלבינע פארדערונ־גען וואס די ניו יארקער און שיקאגא'ר. זיי פארלאנגען, אז דעם 21טען נאוועמ־בער, 1921, זאלען די נייע ארבייטס־בא־דינגונגען איינגעשטעלט ווערען אין פי־לאדעלפיא.

אקט. דעם 31טען. — אונזער אינ־טערנעשאנאל באשולדיגט עפענטליך די פראטעקטיוו אסס'ן, אז זי האט געבראָ־כען דעם אגרימענט מיט דער יוניאן. עס ווערט אנגעוויזען, דאס די נייע פארע־רונגען, די ענדערונגען אין טרייד וואס די אסאסיאיישאן וויל מאכען, זיינען א פארלעצונג פון דעם קאלעקטיווען אגרי־מענט אין טרייד, וואס איז געשלאסען געווארען דעם 29טען מאי 1919 עטאב־לירענדיג וואך־ארבייט און די 44 שטונ־דיגע ארבייטס־וואך. די יוניאן ווייזט אן, דאס יענער אגרימענט דארף זיין אין קראפט ביז דעם 1טען דזשון, 1922, און דאס ביז דעמאלט קאן מען ניט רעדען פון אנדערע ארבייטס־באדינגונגען אין טרייד, אויסער די וואס דער אגרימענט שרייבט פאר. דערביי ווייזט די יוניאן אויך אן, דאס עס איז ניט דאס ערשטע מאל וואס די פראטעקטיוו אסס'ן ברעכט אפ אן אגרימענט מיט דער יוניאן, און דאס דעם מאל וועט די יוניאן טאן אלץ וואס איז נאר מעגליך צו ברענגען די פראטעקטיוו צו פאראנטווארטליכקייט, זי זאל דעם אגרימענט מוזען אויספאל־גען ביז ער וועט אויסגעהן. אט דיזע שטעלונג האט די יוניאן נאכדעם אנגע־האלטען דורך דער גאנצער צייט פון דעם קאמף.

נאוו. דעם 1טען. — די פראטעק־טיוו אסס'ן זאגט זיך אפ צו האנדלען מיט דער יוניאן און שטעלט אפ די „מאשי־נערי" פאר אויסגלייכען די סכסוכים אין די שעפער, לויט ווי דער אגרימענט אין טרייד שרייבט פאר. די פראטעקטיוו גיט דערביי ארויס א סטייטמענט אין דער פרעסע, אין וועלכען עס ווערט געזאגט, דאס דעם גאנצען „טומעל" וועגען שטיק־ארבייט מאכט די יוניאן; דאס 85 פרא־צענט פון די קלאוקמאכער „ווילען שטיק־ארבייט", און דאס דיזע ארבייטער „ווע־לען בלייבען אין די שעפער", אויב די יוניאן וועט רופען א סטרייק אויפצוהאל־טען די וואך־ארבייט.

גלייך דעם זעלבען טאג גיט אויך די יוניאן ארויס א סטייטמענט פאר דער פרעסע. אין דעם סטייטמענט ווערט גע־זאגט, דאס די יוניאן האט שוין פאר־מירט א ג ע נ ע ר א ל ס ט ר י י ק־ק א מ י ט ע, און דאס דיזע קאמיטע באשטעהט פון אלע דזשאינט באארד־דעלעגאטען און פון די מיטגלידער פון אלע עקזעקוטיוו באארדס פון די לאקאלס. די דזשענעראל סטרייק קאמיטע ווערט איינגעטיילט אין פארשיידענע סאב־קא־מיטעס, מיט די פאלגענדע פערזאנען אלס די טשערליים פון די קאמיטעס: פרעזי־דענט שלעזינגער, טשערמאן פון דער פרעס קאמיטע; דזש. ברעסלאו, טשער־מאן פון דער האל קאמיטע; ח. וואנדער, טשערמאן פון דער פיקעט קאמיטע; סאול מעטץ, טשערמאן ארגאניזיישאן קאמיטע; לואיס לאנגער, טשערמאן פון דער אוט־אוו־טאון קאמיטע; ס. לעפקאוויץ, טשער־מאן פון דער לאָ קאמיטע; י. פיינבערג, טשערמאן פון דער סעטעלמענט קאמיטע; ס. פערלמוטער, טשערמאן פון דער פי־נאנץ קאמיטע; ב. שעהן, טשערמאן פון דער רעליף קאמיטע; דזש. העלער, טשער־מאן פון דער ספיקערס און ענטערטיי־מענט קאמיטע; א. סלוצקי, טשערמאן אינפארמיישאן קאמיטע.

אחוץ דיזע ווערען אויך ערוועהלט די פאלגענדע טעריטאריעלע טשערליים: ל. פינקאָווסקי, דזשוירזי סיטי; א. באַ־ביטש, פאר בראנזוויל דיסטריקט; א. קאראטונומא, פאר'ן ברוקלין דיסטריקט; מ. בראפעלד, פאר'ן הארלעם דיסטריקט, און מאקס ברוק פאר נוארק, ניו דזשוירזי.

נאוו. דעם 2טען. — די יוניאן בא־שולדיגט די פראטעקטיוו אסס'ן, דאס זי פראוואצירט א סטרייק אין דער קלאוק־אינדוסטריע, כדי אפצושאפען [illegible] קליידער אום צו קענען ווייטער [illegible] הויכע פרייזען פאר די קלאוקס.

דעם זעלבען טאג ווערט אין קופער יוניאן אפגעהאלטען א מיטינג פון שאפ־טשערליים פון אלע קלאוק, סקוירט און רייפער שעפער אין גרייטער ניו יארק, און עס ווערט באשלאסען איבערצוגעבען א רעפערענדום־אפשטימונג צו אלע מיט־גלידער פון דער קלאוקמאכער יוניאן די פראגע פון רופען א סטרייק אויפצוהאל־טען די שטיק־ארבייט.

נאוו. דעם 3טען. — די קלאוק־מא־נופעקטשורערס פון סט. לואיס קומען אויך ארויס מיט דער פארדערונג איינצו־פיהרען שטיק־ארבייט דעם 14טען נאָ־וועמבער. דאס גלייכען אויך די קלאוק־מאנופעקטשורערס פון מאנטרעאל, קא־נאדא.

דעם זעלבינען טאג ווערט באקאנט, אז די פראטעקטיוו אסס'ן נעהמט שוין א טריט אויף צוריק; זי לאזט שוין פאלען איהר פארלאנג צו פארקלענערן די ווייז־דזשעס פון די פרעסערס, האטערס און סעמפעל מאכער. זי בלייבט נאך אבער אלץ פעסט ביי דעם באשלוס איינצופיה־רען שטיק־ארבייט און א 49 שטונדיגע ארבייטס־וואך.

נאוו. דעם 4טען. — די פראטעקטיוו אסס'ן ערקלעהרט, אז די פארקלענערונג פון ווייזדזשעס וועט ארונטערשניידען די פרייזען פון די גארמענטס אויף 38 פרא־צענט. די יוניאן ענטפערט, דאס די קאסט פון ארבייט איז באמת אזוי קליין, אז דאס קען האבען א קנאפע ווירקונג צו פארקלענערן די פרייזען אויף די גאר־מענטס. די יוניאן ווייזט אן, דאס דער דורכשניט קאסט פון ארבייט אויף א גאר־מענט איז ניט מעהר ווי 25 פראצענט און אז די ווייזדזשעס זאלען פארקלענערט ווע־רען וועט עס די גארמענטס ניט מאכען ביליגער.

נאוו. דעם 7טען. — די „אמעריקען אסאסיאיישאן", באשטעהענד מערסטענס פון קאנטראקטארס וואס ארבייטען פאר די פראטעקטיוו באלעבאטים, האלטען אפ א קאנפערענץ מיט דער יוניאן אין בא־צוג צו דעם אנקומענדען סטרייק.

דעם זעלבען טאג פאנגען אן די קלאוק־מאכער צו שטימען דעם רעפערענדום־וואוט וועגען דעם סטרייק.

נאוו. דעם 8טען. — די קלאוקמא־כער פון מאנטרעאל שטימען ארויסצו־געהן סטרייקען אום ניט צו דערלאזען איינצופיהרען שטיק־ארבייט און פאר־קלענערען די ווייזדזשעס.

נאוו. דעם 9טען. — מר. דייוויס, סעקרעטערי און לייבאר, רופט אין וואש־שינגטאן א קאנפערענץ פון דער יוניאן און די פילאדעלפיער לידינג גארמענט מאנופעקטשורערס אין באצוג צום סטרייק. אבער די מאנופעקטשורערס זיינען צו דעם קאנפערענץ ניט געקומען, און סעקרעטערי דייוויס דיסקוטירט מיט די יוניאן־פארטרעטער די גאנצע סי־טואציע.

נאוו. דעם 10טען. — עס ווערט פארעפענטליכט דער רעזולטאט פון דעם רעפערענדום־אפשטימונג פון די ניו יאר־קער קלאוקמאכער. דער רעזולטאט איז 38,672 שטימען פאר א סטרייק און — בלויז 162 געגען.

דעם זעלבינען טאג פאנגען אן די פי־לאדעלפיער קלאוקמאכער צו שטימען דעם רעפערענדום וועגען א סטרייק.

יענעם טאג ווערט אויך באקאנט, דאס צוועלף יונייטעד סטייטס סענאטארען האבען אויפגעפאדערט די ניו יארקער קלאוק־מאנופעקטשורערס, זיי זאלען זיך צוריקהאלטען מיט זייער האנדלונג און פראבירען שליכטען דעם סכסוך אויף א פרידליכען וועג.

נאוו. דעם 11טען. — די יוניאן נעהמט אן די אויפפאדערונג פון די סע־נאטארען. די יוניאן איז גרייט אנצופאל־גען מיט די מאנופעקטשורערס פארהאנד־לונגען, אבער מיט דעם באדינג, אז די מאנופעקטשורערס זאלען צוריקציהען זייערע פארדערונגען און באטרייבען זייע־רע שעפער אונטער דעם איצטיגען אגרי־מענט.

נאוו. דעם 12טען. — א רעזאלוציע פון דער פראטעקטיוו אסאסיאיישאן האט א קאנפערענץ מיט סעקרעטערי דיי־וויס, אין וואשינגטאן.

(ווייטערעס נעקסטע וואך).

קויפט אויסשליסליך
זאלאמביא טהעע
צוועטאטשני טשאי
ווהייט לילי טהעע

[illegible]
... װעלן זיין געצוואונגען נאָכצוגע-
בן. עס איז קלאָר, אז היינט די כּח
... די לעבעדיגע מיטגלידער אין
... פון פילאַדעלפיא, די גאַנצע
... פילאַדעלפיא. עס װעט
... פון פילאַדעלפיא האָט
זיך געמאַכט פאַר זיין ספּעציעלער אױפ-
גאַבע צו צוברעכן אַט די [illegible] װײסט-
[illegible] יוניאָן. רעדט נאָר איז גראַד
קיין אַרבײט אין דער װײסט-אינ-
דוסטריע אין פילאַדעלפיא. דער פאַקט
איז, אז די װײסט-מאַנופאַקטשורערס,
װעלכע האָבן געסעטלט מיט דער יוני-
אָן, האָבן אויך גאַנץ װעניג אַרבײט פאַר
זײערע אַרבײטער. און עס שטעלט זיך
די פראַגע, אויב אונטער אַזעלכע אומ-
שטענדן לוינט זיך עס אָנצוהאַלטן דעם
סטרייק? װאָס נוצט די העלדישקייט, אז
דערװייל איז ניטאָ קיין אויסזיכט אויף א
גינסטיגען רעזולטאַט.

עס איז שווער צו זאָגן, װאָס עס װאָלט געווען דער באַשלוס פון דעם ג. ע. ב. אין דער פראַגע, װען אין דעם סטרייק װאָלט זיך ניט געוויזן א גאַנץ נייער מאָמענט. דער האָט געהאַט זיין ענטשיידענדע װירקונג אויף דעם ג. ע. ב. און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אז דער סטרייק מוז פאַרגעזעצט װערן מיט אַלע כּחות און מיטלען, װאָס די אינטערנעשאָנאַל פאַרמאָגט.

די נייע פּאַסירונג איז אַט װעלכע. די אַסס'ן פון די װײסט-מאַנופאַקטשורערס אין פילאַדעלפיא, װי מיר האָבן עס מיטגעטיילט אַמאָל דורך דער „גערעכטיגקייט", האָט שוין פון זייט אָנפאַנג פון סטרייק שטאַרק טעראָריזירט אַלע מאַנופאַקטשורערס פון דער אינדוסטריע, און אונטער דעם פּראַטעקציע פון אַלערליי געפאַרען, ניט געלאָזט זיי סעטלען דעם סטרייק מיט דער יוניאָן. די יוניאָן האָט עס געוואוסט, אָבער קיין באַװייז האָט זי ניט געהאַט. אין דער לעצטער צייט האָט אָבער פּאַסירט אַט־וואָס. א געוויסער פילאַדעלפער װייסט־מאַנופאַקטשורער, װעלכער באַשעפטיגט עטליכע און אַכציג אַרבײטער, האָט געסעטלט מיט דער יוניאָן, און אונטערגעשריבן מיט איהר א קאָנטראַקט; האָט אָבער דעם קאָנטראַקט באַלד געבראָכן, ערקלערענדיג די פאַרשטעהער פון דער יוניאָן, אז דורך די טאַקטיק פון דער װײסט־מאַנופאַקטשורערס אַסס'ן איז ער פשוט געצוואונגען דאָס צו טאָן. זיין גאַנצער באַנק־קרעדיט איז פון איהם אוועקגענומען געוואָרן, און, אונטער די אומשטענדן קען ער ניט אָנגעהן מיט דער אַרבייט, און ער מוז ברעכן דעם אַגרימענט.

דער פילאַדעלפיער לאָיער, מר. גרעי, האָט גלייך דערזעהן אין דעם פאַל א גרויסע װיכטיגקייט צו דעם, װאָס איז פאַרגעקומען אין ניו יאָרק, און אין א נאָך מעהר בולט'ער, מעהר פרעכער פאָרם. דער דאָזיגער פאַל איז אויך זעהר אויפמערקזאַם באַטראַכט געוואָרן פון גענ. הילקווית, און אויך זיין מיינונג איז, אז די יוניאָן האָט א זעהר גוטע קייס ערשטענס געגען דעם מאַנופאַקטשורער, װאָס האָט געבראָכן דעם קאָנטראַקט, און, צווייטענס, געגען דער באָסעס אַסס'ן, װעלכע האָט טעראָריזירט איינעם פון איהרע מעמבערס און געצוואונגען איהם צו ברעכן א קאָנטראַקט.

נאַטירליך, דאַרט, וואו די לאָיערס האָבן דאָס װאָרט, דאַרט מוז דער „ליימען" שווייגען. זיינען זיי דאָך די עקספּערטען; װייסען זיי דאָך בעסער, װאָס מען קען אויספיהרען דורך די קאָורטס, און װאָס ניט. און אין דעם פאַל זיינען בײדע לאָיערס איינשטימיג, אז די שאַנסען פאַר דער יוניאָן זיינען זעהר גוטע, כאָטש פאַרזיכערן, אז די קאָורטס װעלען אַזוי האַנדלען קען קיינער ניט. און אַט נאָך דער פולסטער ערקלעהרונג פון גענ. הילקווית פון אַלע דעטאַילס און דאַטען אין דיזען פאַל, האָט דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד באַשלאָסען, אַז די אינטערנעשאַנאַל מוז און װעט העלפען דעם סטרייק און די סטרייקער מיט אַלץ, װאָס זי איז נאָר בכח, אַזוי לאַנג, ביז די סטרייקער אַליין װעלען שטעהן אין [illegible].

דאָס זיינען געוועזן די צוויי הויפּטפראַגען, װעלכע האָבן פאַרנומען די ערשטע צוויי זיצונגען. װעגען די אַנדערע פראַגען און באַשלוסע װעלען מיר באַריכטען אין נעקסטען נומער „גערעכטיגקייט".

אלטע אינטריגען אויף א נייעם אונטערשלאג

פון א. װעדרין.

גענוא איז איצט דער צענטער פון עפענטליכען אינטערעס, אויף וויפיעל דאָס ווערט איבערגעגעבען דורך דער פּרעסע.

עס ווענדט זיך איצט דער טאָן, אז די פראַגען וועלכע דער קאָנפערענץ אין גענוא וועט ניט דיסקוטירט ווערען אין דער פּרעסע ערשטבייער און אין לאַנגע קאָרעספּאָנדענצען. דער שווערפּונקט פון דער פראַגע ביי דעם איצטיגען טאָג ליגט אין דער ספּעקולאַציע: וועט די קאָנפערענץ זיך עפענען אין דעם באַשטימטען דאַטום, דעם אַכטען מערץ, און יעדער טאָג ברענגט זיין ענטפער. נעכטען האָט עס געהייסען, אז דער פראַנצויזישער שטאַנדפּונקט וועט זיגען און די קאָנפערענץ וועט אָפּגעלעגט ווערען. היינט ציינט זיך אַרויס, אז ענגלאַנד האָט די איבערמאַכט און די קאָנפערענץ וועט זיך אָפּגעהאַלטען ווערען אין דער באַשטימטער צייט. מאָרגען מישט זיך אַריין פרעזידענט האַרדינג אין די שאַנסען פון דער קאָנפערענץ פאַלען, אָבער איבערמאָרגען נעהמט אָן דער קאַבינעט־קריזיס אין איטאַליען אַ וועגדונג, אז עס זעהט אויס אז פּרעמיער באָנאָמי וועט ווידער בלייבען אין מאַכט און די אַקציעס פון דער קאָנפערענץ שטייגען ווידער. א טאָג שפּעטער צובונטעוועט זיך די איטאַליענישע קאַטוילישע גרופּע אין פּאַרלאַמענט געגען דער נייער קאָאַליציע און פּרעמיער באָנאָמי פאַלט דורך און די אויסזיכטען פאַר דער גענוא'ר קאָנפערענץ זעהען אויס ווידער שלים.

אַט אזוי פאַלען און שטייגען די שאַנסען פון דער קאָנפערענץ ווי אין א פּרחת. די פּערעדען פון די צייטונגס־קאָרעספּאָנדענטען סקריפּען, די טעלעגראַף דראָטען זשומען און די צייטונגען ערשיינען יעדען טאָג מיט די לעצטע נייעס וועגען די שפּעטערע ענטוויקלונגען און דער גרויסער עולם איז מבולבל און ווייס ניט וואָס עס קומט פאָר. דאָס איינציגע וואָס ער קען אַרויסטראָגען איז, אז עס איז דאָ א חלוקי דעות צווישען פראַנקרייך און ענגלאַנד וועגען דער קאָנפערענץ. ענגלאַנד וויל אז די קאָנפערענץ זאָל אָפּגעהאַלטען ווערען אין דער באַשטימטער צייט און פראַנקרייך איז איינגעשפּאַרט, אז זי זאָל אָפּגעלעגט ווערען אויף דריי חדשים. די מאָטיווען זיינען ניט איבעריג קלאָר פון די צייטונגס־דעפּעשען. עס זעהט אויס, אזוי ווי עס וואָלט אַריין א נצחון צווישען ביידע לענדער — עפּעס א מין פּערזענליכער קאַפּריז צווישען לאָיד דזשאָרדזש און פּואַנקאַרע. איינער האָט דעם צווייטען עפּעס פּונקט בכבוד גענומען און זיי טוען זיך צו להכעיס. פון דער מינוט זיך, אז לאָיד דזשאָרדזש און פּואַנקאַרע זיינען ניט געווען שוה בשוה אין דער צייט פון דער מלחמה, ווען דער לעצטער איז נאָך געווען פּרעזידענט פון פראַנקרייך. ווידער געדענקט מען, אז פּואַנקאַרע האָט ניט אָפּגעגעבען גענוג כבוד לאָיד דזשאָרדזש'ן ווען דער לעצטער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין פּאַריז אויפ'ן וועג פון קאַן נאָך לאָנדאָן. לאָיד דזשאָרדזש האָט געוואָלט אָפּשאַטען א וויזיט צו פּואַנקאַרע, אָבער דער לעצטער איז געווען „צו ביזי" איהם אויפצונעהמען. די גאַנצע געשיכטע ווערט רעדוצירט צו דער אַנטיפּאַטיע פון די צוויי שטאַאַטסלייט, וואָס זיינען ביי דעם איצטיגען מאָמענט די ראשי המדברים פון די צוויי שטאַרקסטע לענדער אין אייראָפּא.

אזוי איז די זאַך פאַרגעשטעלט געוואָרען אין די ערשטע וואָכען פון דעם סכסוך, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען זינט פּואַנקאַרע האָט אַראָפּגעוואָרפען בריאַנ'ען און האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ אלס פּרעמיער.

שפּעטער א ביסעל האָט זיך דער טאָן פון די דעפּעשען שטאַרק געענדערט. אין די דעפּעשען האָבען זיך אַריינגעגנב'עט אזעלכע אויסדרוקען, ווי למשל, אז „דער קריזיס אין די ענגליש־פראַנצויזישע באַציהונגען איז איצט א סך ערנסטער, ווי אין יענע פאַטאַלע טעג ענדע יולי, 1914", ד. ה. אין די טעג ווען דער שיקזאַל פון דער וועלט איז באַשטימט געוואָרען און דער וועלט־בראַנד איז אָנגעצונדען געוואָרען. אין אַנדערע ווערטער מיינט עס צו זאָגען, אז דער סכסוך שמעקט פּשוט מיט פייער. דער לעזער האָט געוויס זיך געמוזט שטעלען די פראַגע: זיינען לאָיד דזשאָרדזש און פּואַנקאַרע אזעלכע אומפאַראַנטוואָרטליכע מענשען, אז זיי זאָלען צוליב זייערע פּערזענליכע קאַפּריזען שטעלען אין געפאַהר ניט נאָר די גוטע באַציהונגען צווישען ענגלאַנד און פראַנקרייך, ניט נאָר אַלע העררליכע פּלענער פון רעקאָנסטרוקציע, נאָר פּשוט דעם וועלט־פריעדען?

אָבער אויף אזוי פיעל איז שוין איצט באַקאַנט וועגען דעם כאַראַקטער פון דעם סכסוך צווישען ענגלאַנד און פראַנקרייך צו וויסען, אז ער איז ניט דער רעזולטאַט פון פּערזענליכע אַנטיפּאַטיען צווישען לאָיד דזשאָרדזש און פּואַנקאַרע, נאָר אז ער שפּראָצט אַרויס פון עפּעס וואָס איז א סך טיפער און ערנסטער. דאָ איז ניט גלאַט אַן אונטערשייד צווישען צוויי מיינונגען, נאָר א קאָנפליקט צווישען צוויי פונדאַמענטאַלע פּאָליסיס און עס האַנדעלט זיך דאָ ניט בלויז וועגען סתם א קאָנפערענץ, אָדער א דאַטום פון א קאָנפערענץ — וואָס דאָס איז פון די קלייניגקייטען — נאָר אין קאַן שטעהט דאָ ניט קיין קלענערע זאַך, ווי די הערשאַפט איבער דער וועלט. די פראַגע איז, ווער זאָל איצט, נאָך דעם ווי דייטשלאַנד איז צושלאָגען און רוסלאַנד איז פּאַראַליזירט, ווערען דער הערשער איבער דער וועלט, ווער זאָל געבען דעם טאָן אין דער וועלט־פּאָליטיק — ענגלאַנד אָדער פראַנקרייך? אָט די פראַגע, פאַרשטעהט זיך, איז פאַרבונדען מיט אַלערליי דראָהענדע קאָנזעקווענצען, און דאָס ערקלעהרט שוין גאַנץ קלאָר פאַרוואָס גענוא איז איצט געוואָרען דער צענטער פון וועלט־אינטערעס.

אָבער וואָס האָט צו טאָן גענוא מיט וועלט־הערשאַפט? די קאָנפערענץ איז דאָך פאַררופען געוואָרען אויסדריקליך מיט קיינע פּאָליטישע אַבזיכטען און נאָר צו זוכען א לייזונג פאַר די שווערע פינאַנציעלע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, וואָס שטעהען איצט פאַר דער וועלט און שטערען דער אַלוועלטליכער רעקאָנסטרוקציע?

דאָס וואָלט ווירקליך געווען געהר א האַרבע קשיא ווען מען זאָל אָננעהמען די ערקלעהרונגען פון די דיפּלאָמאַטען לויט זייער אויסערליכען אויסזעהן און ווען מען זאָל הערען טרויען די ווערטער וואָס זיי זאָגען אַרויס אין דער עפענטליכקייט. די מעשה איז אָבער די, וואָס דיפּלאָמאַטען זאָגען געוויינליך פּונקט דעם היפוך פון דעם וואָס זיי דענקען און הינטער יעדען פון זייערע עפענטליכע אַרויסטרעטונגען איז פאַרבאָרגען א געוויסער מיין. עס איז שוין אן אַלטע מעטאָדע פון דער דיפּלאָמאַטיע צו פאַרשלייערען איהר געמיינעם שפּיל מיט אידעאַליסטישע פאַרהאַנגען. יעדע דיפּלאָמאַטישע פאַרזאַמלונג האָט פאַר דער וועלט אן אידעאַלען צוועק, ווי א שטייגער „ענטוואַפנונג", „רעקאָנסטרוקציע", „פריעדען" און אַנדערע פון דעם וועלכען מין. באמת זיינען דאָס אָבער ניט מעהר ווי נאָגגען אין דער ערדעלער שפּיל פון דיפּלאָמאַטישע אינטריגען. גענוא איז אין דער הינזיכט קיין אויסנאַהם ניט.

די גענוא קאָנפערענץ איז נאָמינעל

קורץ און שארף

פון י. ב. ג.

פאַר וואָס די סאָלדאַטען, וואָס זיינען צוריקגעקומען לעבעדיגע פון דער מלחמה, קומט א באָנוס, קען איך ניט פאַרשטעהן. און צוליב א פּשוט'ען מתח נפש? זיינען די סאָלדאַטען געגאַנגען אין מלחמה, אום צו קעמפען פאַר דעמאָקראַטיע, קומט זיי דאָך ניט קיין באָנוס אויף דעם גרונד, ווייל זייער גאַנצע טרחה איז געווען אומזיסט. און אויב די סאָלדאַטען האָבען דאָס אַלעס ניט באַצוועקט, און זיי האָבען זיך געשלאָגען ווייל מען האָט זיי געצוואונגען, קומט זיי דאָך אודאי ניט קיין באָנוס. האָבען זיי דען געהאַט אן אַנדער ברירה? א באָנוס ווערט דאָך איינעם געגעבען, ווי איך פאַרשטעה, ערשטענס פאַר פּריווילעגע אַרבייט, און, צווייטענס, פאַר גוטע, פּרוכטבאַרע אַרבייט...

—

דער שיקאַגאָ'ער דזשאַדוש לאַנדיס האָט רעזיגנירט פון זיין אַמט, אלס דזשאַדוש, און איז געבליבען ביי זיין דזשאַב, אלס רעפערי פון בייזבאָל. ער וואָלט אָנגעהאַלטען ביידע דזשאַבס, ווען דער עולם וואָלט ניט צו שטאַרק פּראָטעסטירט געגען דעם. און דאָס באמת כאַראַקטעריסטישע דערביי איז, וואָס דער פּראָטעסט איז ניט געקומען ווייל עס איז חלילה ניט פּאַסיג פאַר א דזשאַדוש צו שטעהן אין דער שפּיץ פון דעם בייזבאָל גיים. ניין, אזעלכעס איז קיינעם גאָרניט געקומען אין קאָפּ צו זאָגען. בייזבאָל איז דאָך אונזער נאַציאָנאַלער שפּיל; נאָר דאָס, וואָס איין מענש זאָל האָבען אזעלכע צוויי גוטע, פעטע דזשאָבס, דאָס האָבען איהם מענשען ניט פאַרגינען, און דזשאַדוש לאַנדיס ווערט זיך מוזען באַנוגענען מיט זיין 50־טויזענד דאָלאַרדיגען בייזבאָל דזשאָב.

—

די קאָנפערענץ אין גענוא, ווי עס זעהט אויס, וועט דערווייל אָפּגעלייגט ווערען אויף א שפּיקעל צייט, און אייגענטליך ווערט א זאַך אָפּגעלייגט, איז שוין דאָ א היתר אָפּצולייגען עס נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, ביז די זאַך ווערט אין גאַנצען פאַרגעסען.

—

מערקווירדיג, ווי דער מענשליכער מוח אַרבייט, ווען עס איז א פראַגע פון אייגענע אינטערעסען. מר. דזשאָנסאָן, פּרעזידענט פון דער מאַשיניסטען יוניאָן, איז א מענש מיט א דענקענדען קאָפּ, און איז אויך שטאַרק געגען מיליטאַריזם. ער איז אויך געווען שטאַרק איינגעשטאַנען מיט דער קאָנפערענץ אין וואַשינגטאָן פאַר די באַשרענקונג פון באַוואַפנונג. איך בין זיכער, אז די קאָנפערענץ איז, נאָך זיין מיינונג, ניט געגאַנגען ווייט און ראַדיקאַל גענוג. פון דעסטוועגען, אז פּרעזידענט האַרדינג האָט באַשלאָסען די אָפּשטעלונג פון דער אַרבייט אויף פּילע שיפען, דורך וואָס טויזענדער אַרבייטער האָבען פאַרלאָרען זייער פּרנסה, האָט מר. דזשאָנסאָן אויסגעהויבען א גאַנצען „ויצעקו" געגען פּרעזידענט האַרדינג. ווי, סטייטס, ווי קען עס איינער האַנדלען אזוי גרויזאַם, אזוי אומענשליך? איך בין ניט קיין גרויסער אַנהענגער פון פּרעזידענט האַרדינג, אָבער איך קען ניט איינזעהן, ווי אזוי, אונטער די אומשטענדען, ער האָט געקענט אַנדערש האַנדלען. ער האָט דאָך ניט געקענט האַלטען די אַרבייטער און זיי צאַהלען וויידזשעס פאַר גאָרניט טאָן. און ווידער געבען זיי עפּעס אן אַנדער אַרבייט, וואָלטען דאָך אַנדערע אַרבייטער געמוזט ליידען. אויך דאַרף מען ניט פאַרגעסען, אז מעהר פון אַלץ האָט די קאָנפערענץ מיט איהר באַשלוס צו מאַכען א סוף צו דער קאָנקורענץ אין קריגס־שיפּס־בוי, באַצוועקט צו מאַכען א באַדייטענדע עקאָנאָמיע. און וואָס וואָלט געווען די עקאָנאָמיע, ווען די רעגירונג וואָלט געמוזט אָנהאַלטען די אַרבייטער מיט זייערע פולע וויידזשעס?

—

עס איז נאָך פאַר מיר ניט גאַנץ קלאָר, וואָס די קאָנפערענץ אין שיקאַגאָ פון פּילע אַרבייטער פאַרשטעהער און אַנדערע באַצוועקט. אויב זי מיינט די גרינדונג פון אַן אַרבייטער פּאַרטיי, פון א ליבאָר פּאַרטיי אויף דעם ענגלישען מוסטער, צו פאַרוואָס ניט אַרויסזאָגען עס קלאָר און אָפען? אויב די דאָזיגע קאָנפערענץ ווערט געמיינט בלויז אלס א מיינונגס־אויסטויש, קען עס, נאַטירליך ניט שאַדען; אָבער עס איז שווער צו זיין צו אָפּטימיסטיש וועגען דעם רעזולטאַט. איין זאַך איז אָבער כדאי צו באַמערקען, דאָס צווישען די איינגעלאַדענע פאַרזאַנען צו דער קאָנפערענץ איז ניטאָ, לויט אונזער וויסען, אפילו איינער, וואָס איז פאַרבונדען מיט דער ניי־געגרינדעטער „וואָרקערס פּאַרטיי", און זאָל עס זיין א פאַרזעהן, אָדער אן אַבזיכטליכע איגנאָרירונג, יעדענפאַלס איז עס דער בעסטער סימן, אז אין די גרויסע אַרבייטער־קרייזען האַלט מען גאַנץ ווייניג פון אָט דער זאָגענאַנטער וואָרקערס פּאַרטיי.

—

צו דעם דרייוו אין ניו יאָרק פאַר 5 מיליאָן פאַר אונזערע אידישע ברידער און שוועסטער, מאַמעס און טאַטעס, פאַר אונזער פלייש און בלוט אין רוסלאַנד, פּוילען, עסטרייך און איבעראַל, וואו זיי בויגען זיך, וועלען געוויס אונזערע קלאָוקמאַכער בייטראָגען זייער חלק, סיי קאָלעקטיוו און סיי אינדיווידועל. זיי טאָרען אָבער צו גלייכער צייט ניט פאַרגעסען אָן זייער אייגענעם דרייוו פאַר דעם מיליאָן דאָלאַר פאַנד פון דעם דזשאָינט באָאַרד, ווייל דער דאָזיגער פאַנד איז זעהר און זעהר נויטיג, אז זיי זאָלען זיין אין שטאַנד צו העלפען זיך און אַנדערע.

—

ניט ווילענדיג, האָט דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָאַרד אויף זיין מיטינג אין אַטלאַנטיק סיטי באַגאַנגען א העכסט רעוואָלוציאָנערען אַקט. פאַר דעם ערשטען מאָל האָט ער געקראָגען אלס פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ דאָס צימער, וואו עס פאַרזאַמלען זיך געוועהנליך די שלריימאַקערס; און ווער עס האָט ניט געזעהן די זויערע פּנים'ער פון מאַנכע שלריימאַקערס, צוקומענדיג צום צימער און געפינענדיג זייער פּלאַץ פאַרנומען פון די קלאָוקמאַכער, דער ווייסט ניט פאַרשטעהן, ווי ביטער אונזערע בעלי־בתים האָבען געפיהלט... פאַר זיי האָט עס געמוזט זיין א התראה צו טויטען באַדייטענס. א שאָד נאָר, וואָס דער ערשטער פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ איז געווען צופעלליג, און דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָאַרד האָט געמוזט פאַרלאַזען א צימער, וואו ער זאָל קענען אָפּהאַלטען זיינע באַראַ-

(שלוס אויף זייט 22).

אייער אנערקענונג פאר די וויכטיגקייט און ניצליכקייט פון דעם „יוניאן העלטה סענטער" און אייער דאנקבארקייט צו זיין מעדיקאל סטעף ווערט פארעפענטליכט, ווייל מיר האבען אן אורזאכע צו דענקען, אז דער „יוניאן העלטה סענטער" ווערט ניט אזוי גוט אויסגענוצט פון אונזער גרויסער מעמבערשיפ, ווי דאס האט בעדארפט זיין, און פאר וועמעס געזונד־אינטערעסען ער איז אויפגעבויט געווארען.

צו אלע, וועלכע האבען זיך אפגערופען אויף אונזער איינלאדונג צו שרייבען איבער זייערע ארבייטס־ערפאהרונגען אין די פארשידענע קלאוק־שעפער; — מיר האבען ערהאלטען עטליכע בריף, איניגע גאר לאנגע, אבער אלע זיינען זעהר דרוקבאר, מיר וועלען זיי אלע פארעפענטליכען אין לויף פון די נעקסטע פאר וואכען. מיר בעטען אלע, וועלכע האבען בדעה צו שרייבען, איבערצולייענען די, וועלכע וועלען געדרוקט ווערען די און די קומענדע וואך. אויב זיי האבען עפעס ניעס צוצולייגען, איז מה טוב. אויב אבער ניט, איז די ווידערהאלונג פון דאסזעלבע איבעריג. און, ווען מיר וועלען קומען צו א ריכטיגען שלום וועגען דער פראגע, וועלען מיר פארלאנגען פון אונזערע לעזער אן ענטפער אויף א צווייטע און א דריטע וויכטיגע פראגע. דיזע שריפטליכע דיסקוסיע, צוזאמען מיט דער מינדליכער דיסקוסיע אונטער דער לייטונג פון פרעזידענט שלעזינגער, וועט ברענגען די נויטיגע קלאר־קייט.

ס. בערמאן. — אויך א מעמבער פון לאקאל 23, מעג ער זיין בלויז א דרעסמייקער אדער א סקוירטמייקער, האט דאס פולסטע רעכט צו רופען זיך מיט דעם נאמען „קלאוק־מאכער", ווייל ער געהערט דאך צו דער גרויסער קלאוקמאכער יוניאן. דער פאקט איז, אז אין די מעהרסטע פעלע ארבייט א מעמבער פון לאקאל 23 אין איין שאפ מיט א מעמבער פון לאקאל 1, פון לאקאל 17, און גאנץ אפט נעהט דער מעמבער פון לאקאל 23 קלאוקס, און דער מעמבער פון לאקאל 1 דרעסעס און ז. וו. דערפאר האט דער שרייבער פון דעם בריף געמעגט מיט פולען רעכט זיך אונטער־שרייבען אזוי, ווי ער האט זיך אונטערגעשרי־בען.

מ. בלום. — פאר אייערע קאמפלימענטען צו אונז באדאנקען מיר אייך, אבער דאס קען בשום אופן ניט בארעכטיגען אייער בייזען אנפאל אויף דעם קלאוקמאכער, וואס האט אנגעשריבען דעם בריף מיט דאס ביסעלע קרי־טיק. ווארום מוז עס אייער „מאכען א רישאב", ווען ער ווייזט אן אויף די פאלש־קייטען אין די פארשידענע ציימונגען? אמת, קריטיק איז צו יעדער צייט בארעכטיגט, און קיינער קען געגען דעם גארניט איינווענדען. אבער דא האנדעלט זיך ניט וועגען קריטיק. דא האנדעלט זיך פשוט וועגען מאכען פאל־שע באשולדיגונגען. און געגען דעם מוז אויפטרעטען יעדער עהרליכער מענש. שטעלט אייך פאר: אין די ציימונגען ווערען פאר־ווערפיזט די נעמען פון די רעדנער אויף די מיטינגען פון די סטרייקער. אט זיינען נאר עטליכע: ב. שלעזינגער, מאריס זיגמאן, אב. בארא, ש. יאנאווסקי, ס. מעטץ, דזשוי העללער, פאניא מ. קאהן, עלמער ראזענבערג, ב. שעהן — אלץ מענשען, וועלכע זיינען מעהרסטענס קלאוקמאכער, וועלכע האבען גע־ליטען פאר די יוניאן, און זיינען מיט איהר פון איהר סאמע געבורט אן. ווייטיגע מענ־שען, וועלכע האבען גערעדט, זיינען אויך ניט מענשען פון גאס. קענט איהר דאס זאגען וועגען מעדעס, וועגען סעמועל גאמ־פערס, מאקס פיין, אב. קאהאן? — דאס זיי־נען דאך אלע מענשען, וועלכע האבען זייער גאנצען לעבען געווידמעט דעם ארבייטער־קאמף. קומט א שרייבער און דערצעהלט א מעשה, אז אויף די מיטינגען האבען גערעדט גאר ווילד־פרעמדע מענשען. דאס איז שוין ניט קיין קריטיק. דאס איז פשוט א ממזר־בלבול. און איהר זייט נאך אין כעס אויף דעם קלאוקמאכער, וועלכער האט פראטעסטירט געגען אזא נבלה? אנשטאט זיך אנשליסען אן דעם פראטעסט, כדי אזעלכע שרייבער זאלען וויסען, אז אזעלכע מעשהלעך זיינען שענדליך און ברענגען דעם העכסטען אום־כבוד אויף די ציימונג, וואו אזעלכעס ווערט געשריבען, ווילט איהר נאך זיי רעכטפערטיגען און איהר ערווארט נאך, אז מיר זאלען אויך געבען דיזעלבע פריוויליגיעס, ווי מיר האבען געגעבען יענעם שרייבער! וואס אנבאטרעפט אייער וואונדערען זיך אויף דעם סטעף־רעפארטער, ווארום ער דרוקט ניט איבער אין זיינע פרעס־ענינים דאס, וואס עס ווערט פארעפענטליכט אין די ציימונגען, וואו מען קריטיקירט אונז, איז עס ווידער אמאל צוליב דעם זעלבען גרונד. וואלט עס געווען קריטיק, וואלטען מיר געוויס עס געטאן מיט פארגעניגען. נאך מעהר, מיר וואלטען עס ניט איבערגעלאזען צום סטעף־רעפארטער; מיר וואלטען עס אליין געטאן. אבער געה ענטפער אויף בי־לעריי, און דרוק נאך איבער די בילעריי! דאס וואלט דאך געווען ווירקליך א צו־גרויסער כבוד פאר די בילער. א פאר ווערטער וועגען צוטרוי צו דער מאסע. קיינער קען אונז ניט איבערטרעפען אין דער דאזיגער פאדערונג. מיר האבען אימער אטאקירט די, וועלכע האלטען זיך תמעל־תויך איבער דער מאסע, אגן טוען עס אויך טאג־טעגליך אויס. מען דארף אבער פארשטעהן, וואס דאס מיינט „צוטרוי צו דער מאסע". אויב דאס מיינט, אז א סטרייק, א קאמף נויטיגט זיך ניט אין קיין פיהרערשאפט, איז עס, נאטירליך, די העכסטע משוגעת; מיינט עס אבער, אז דער פיהרער דארף שטענדיג קומען צו די מאסען און איהר אפגעבען דין וחשבון, מעהר נאך, אז ער מוז זיך רעכענען מיט איהרע פאר־לאנגען — כאטש ניט אלע מאל בוקען זיך פאר זיי, ווי פאר א גאט, ווייל דאן איז ער ניט מעהר קיין פיהרער, נאר א נאכשלעפער, א בילינער פאליטישען — אויב דאס מיינט צוטרוי צו די מאסען, דאן איז עס דאס וויכ־טיגסטע אין דער ארבייטער־באוועגונג. און מיר ווידערהאלען עס נאך אמאל און נאך אמאל, מיר ווייסען ניט פון קיין ארבייטער־קאמף, וואו עס האט געהערשט צווישען די פיהרער אזא פארטרויען צו די מאסען, ווי אין דעם איצטיגען. דער פאקט איז, אז קיין איינציגער שריט איז ניט פארגענומען געווארען אהן די פולסטע צושטימונג פון די מאסען, אויב נאר די דזשענעראל סטרייק קאמ־מיטע האט פארקערפערט אין זיך דעם ווילען פון די מאסען. איהר רעדט פון דעם ווילען פון איינעם אדער צוויי, וועלכע האבען גע־פיהרט דעם קאמף. דאס צייגט נאר, ווי פרעמד ווי אפגעזונדערט איהר זייט געווען אין קאמף. איהר פארלאזט זיך אויף אייערע א פריינד, א מעמבער פון דער דזשענעראל סטרייק קאמי־טע, וואס זאל אייך האבען מיטגעטיילט, אז די דאזיגע קאמיטע האט פון גארניט גע־וואוסט, זאגט איהם אין אונזער נאמען, אז ער איז אדער א ליגנער, אדער א גרויסער יאלאפ, וועלכער איז דורך א געוויסען מיס־טייק ארייגגעפאלען אין דער דאזיגער קאמי־טע. עס איז אמת, אז מיט יאהרען צוריק און נאך איצט האבען מיר מורא פאר דער אנ־ווירקלונג פון א ביוראקראטיע אין די יוניאנס. און מען דארף זיין אימער אויף דער וואך געגען אט די טענדענץ. מען דארף אבער פונקט אזוי שטארק זיך היטען געגען די טענדענץ פון א מאבאקראטיע, ווארים וועה דער יוניאן, וואו עס הערשט דער מאב! אט דאס ווילען אונזערע ע ה ר ל י כ ע קריטיקער ניט פארשטעהן. ווען זיי רעדען פון צוטרוי צו די מאסען, מיינען זיי ארויס־צוברענגען דעם גייסט פון דעם ווילדען מאב. און נאך עפעס. האט איהר באמערקט די פאדערונג פון די זעלבע מענשען, אז א בא־אמטער זאל ניט טארען זיין מעהר, ווי א געוויסען טערמין? וואס מיינט עס, אויב ניט דער פולסטער מיסטרויען צו די מאסען? וואס מיינט עס אנדערש, אויב ניט די מורא, אז די מאסע איז נעבעך אזוי נאריש, דאס טאמער וועט זי ערלויבען איינעם צו דינען איהר געטריי פיער יאהר, אנשטאט צוויי, דאן קען ווערען דער דינער איהר הערשער, איהר באלעבאס, איהר דעספאט? איז דאס ניט דער ערגסטער מיסטרויען צום געזונטען פארשטאנד פון די מאסען? און אט די מענשען, וועלכע קענען ניט ציהען די קאנ־סעקווענצען פון זייערע אייגענע געדאנקען, ווילען דאס זאגען דעות אין א יוניאן פון איבער הונדערט טויזענט מענשען, און רייד־ען זיך איין, אז אהן זיי וועט מען, חלילה, די הונדערט טויזענט מענשען באשווינדלען, פארנארען און פארשקלאפען? קען דען אי־מיצער ערווייזען נאך א גרעסערען מיס־טרוי צו די מאסען, ווי אט דיזע „קריטיקער" רחמנא לצלן? און דערפאר האבען מיר גאר קיין מורא ניט פאר דער מעגליכקייט, אז אנשטאט א שלעזינגער זאל קומען אויף דער שפיץ א ברינדעל. מיר ערקלערען, אז אין דער קלאוקמאכער יוניאן איז דאס אונמעג־ליך, ווייל מיר האבען דעם פולסטען צוטרוי צו דעם פארשטאנד פון די מאסען. און נאך מעהר, מיר זאגען, אז אין די בילדינג־טריידס וואלט ברינדעל ניט געווען מעגליך, ווען די בילדינג־ארבייטער אליין וואלטען ניט געווען פ א ט ע נ צ י ע ל ע ברינדעלס. ברינדעל איז נאר געווען א רעזולטאט פון א געוויסען „סטייט אוו מײנד" פון יענע יוניאן־אר־בייטער, אבער קיינמאל ניט זייער באשעפער. אין איין פונקט אבער זייט איהר גערעכט. די מעשה וועגען „תאדעוועען" אט יענע צוי־טונגען — דאס האט ניט באדארפט און ניט געטארט דערמאנט ווערען ניט ווייל עס איז ניט אמת. דער פאקט איז, דאס יעדע אר־בייטער־ציימונג לעבט אויף דעם געלד פון אר־בייטער. נאר דאס מיינט ניט, אז די אר־בייטער האבען דאס מינדעסטע רעכט צו פארלאנגען, אז דערפאר טאר מען זיי ניט קריטיקירען, אז מיט די פאר גראשען האבען זיי אונטערגעקויפט די ציימונג. אזא אר־בייטער־ציימונג וואלט ערשט רעכט געווען פארדאמונגסווערט. ניין, די ארבייטער־ציי־טונג מוז, ווי דעם שווארץ־אפעל פון אויג, היטען איהר אומאפהענגיגקייט און פרייהייט. דאס איז אונבאשטרייטבאר. אבער זי מוז אויפפאסען, אז אלעס, וואס זי זאגט, זאל ניט זיין דער רעזולטאט פון הערען זאגען, פון אלערליי פלאטקעס און רכילות, נאר אלעס זאל זיין באגרינדעט אויף אומבאשטרייטבארע פאקטען; און קיין ציימונג קען ניט אזוי גוט האבען א ל ע פאקטען, ווי אן אמת'ע ארבייטער־ציימונג. די ציימונג דארף נאר וועלען וויסען דעם אמת אדער ב י י ד ע זייטען פון א געוויסער פראגע, און זי קען עס אימער האבען. ליידער, ליידער איז עס ניט דער פאל מיט אונזערע פאר אידישע צוי־טונגען, וועלכע פרעטענדירען צו זיין אר־בייטער־ציימונגען, און דערפאר איז זייער איינפלוס אזוי קליין, אז עס ווילט זיך גאר ניט רעדען וועגען זיי, און נאך ווייניגער ארויסלאזען זיך מיט זיי אין אירגענד א ויכוח.

די לאקאלס פון דער אינטערנעשאנאל און זייערע אדרעסען

לאקאל

1. ליידיס' ענד מיסעס' אפרייטארס, 100 וועסט 21טע סטריט
2. פילאדעלפיער קלאוקמייקערס 244 ס. 8טע סט., פילאדעלפיא, פא.
3. ליידיס טיילארס און סעמפעל־מייקערס — 725 לעקסינגטאן עוו., ניו יארק.
4. קלאוקמייקערס יוניאן — 1023 א. באלטימאר סט., באלטימאר, מד.
5. קלאוקמייקערס יוניאן — 1815 וו. דיוויזשאן סט., שיקאגא, איל.
6. עמבראידערי ווארקערס — 304 א. 150טע סט., ניו יארק.
7. ריינקאוט מייקערס יוניאן — 88 קאזוועי סט., באסטאן, מאסס.
8. ליידיעס גארמענט ווארקערס — 411 פילען בלדג., סאן פראנציסקא, קאל.
9. קלאוק און סוט טיילארס — 228 סעקאנד עוו., ניו יארק.
10. אמאלגאמייטעד גארמענט קאטערס, 7 וועסט 21טע סטריט, ניו יארק.
11. קלאוקמייקערס יוניאן — 219 סעק־מאן סט., ברוקלין.
12. פרעסערס יוניאן — 724 וואשינג־טאן סט., באסטאן, מאסס.
13. קלאוקמייקערס יוניאן — 37 פרינס ארטור סט., א., מאנטרעאל, קענעדע.
14. קלאוקמייקערס יוניאן — 84 בע־ווערלי סט., טאראנטא, קענעדע.
15. ווייסטמייקערס יוניאן — 38 נ. 11טע סט., פילאדעלפיא, פא.
16. קאטערס יוניאן — פראטערנאל ביל־דינג, רום 9, 11טע און פרענקלין עווס., סט. לואיז, מא.
17. ריפערמייקערס יוניאן — 117 סע־קאנד עוו., ניו יארק.
18. קלאוק און סוט פרעסערס — 1815 וו. דיוויזשאן סט., שיקאגא, איל.
19. קלאוק קאטערס יוניאן — 1466 קלארק סט., מאנטרעאל, קענ.
20. וואטערפרוף גארמענט ווארקערס, 22 וו. 17טע סט., ניו יארק.
21. ליידיס טיילארס — 103 מאנטגא־מערי סט., נוארק, נ. דזש.
23. סקוירטמייקערס יוניאן — 231 א. 14טע סט., ניו יארק.
24. סקוירטמייקערס יוניאן — 724 וואשינגטאן סט., באסטאן, מאסס.
25. ווייסטמייקערס יוניאן — 16 וו. 21טע סט., ניו יארק.
26. קלאוקמייקערס יוניאן — 305 סו־פיריאר בילדינג, קליוולאנד, א.
27. סקוירט מייקערס יוניאן — 305 סו־פיריאר בילדינג, קליוולאנד, א.
28. ליידיס טיילארס יוניאן — 2713 דזשעקסאן סט., סיאטל, וואש.
29. קלאוק פינישערס יוניאן — 305 סופיריאר בילדינג, קליוולאנד, א.
30. קאטערס יוניאן — 311 ארד פע־לאוס בילדינג, סינסינעטי, א.
33. קארסעט ווארקערס יוניאן — 409 ווארנער בילדינג, ברידזשפארט, קאנ.
34. קארסעט קאטערס יוניאן — 237 קעפיטאל עוו., ברידזשפארט, קאנ.
35. פרעסערס יוניאן — 228 סעקאנד עוועניו, ניו יארק.
36. ליידיס טיילארס ענד דרעס מייקערס — 191 טאונסענד סט., ראקס־בורי, מאסס.
37. פרעסערס יוניאן — 305 סופיריאר בילדינג, קליוולאנד, א.
39-40. קארסעט קאטערס יוניאן — 285 גרינוואוד עוו., ניו הייווען, קאנ.
41. קימאנא ווארקערס יוניאן — 22 וו. 17טע סט., נ. י.
42. קלאוק און סוט קאטערס יוניאן — 305 סופיריאר בילדינג, קליוולאנד.
43. וואייט גודס ווארקערס — 49 הע־ריסאן סט., וואוסטער, מאסס.
44. קארסעט ווארקערס אוו נ. י. —
55. יונייטעד רעזיינערס אוו ליידיס ווער — 36 וו. 33טע סט.
46. פעטיקאוט ווארקערס יוניאן — 106 וועסט 25טע סט., נ. י.
48. איטאליען קלאוקמייקערס — 231 א. 14טע סט., נ. י.
49. ווייסטמייקערס יוניאן — 919 וואשינגטאן סט., באסטאן, מאסס.
50. טשילדרען'ס דרעסמייקערס יוניאן, 22 וו. 17טע סט., נ. י.
52. ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן — 188½ ס. ספרינג סט., לאס אנדזשעלעס, קאל.
53. ליידיס טיילארס יוניאן — 3147 גארדען סט., פילאדעלפיא, פא.
54. ריינקאוט מייקערס יוניאן — 1145 בלוי איילאנד עוו., רום 12, שיקאגא, איל.
56. קלאוקמייקערס יוניאן — 724 וואשינגטאן סט., באסטאן, מאסס.
58. ווייסט און באטאנהאול מייקערס, 80 א. 10טע סט., נ. י.
61. קלאוק און סוט פרעסערס יוניאן — 37 פרינס ארטור סט., א., מאנטרעאל, קענעדע.

לאקאל

62. וואייט גודס ווארקערס יוניאן — 117 סעקאנד עוו., נ. י.
63. קלאוקמייקערס יוניאן — 311 ארד פעלאוס האל, נ. וו. 7טע און עלם סטס., סינסינעטי, א.
66. באנאז עמבראידערערס יוניאן — 220 א. 14טע סט., נ. י.
67. קלאוקמייקערס יוניאן — 2189 12טע סט., טאלידא, א.
68. גארמענט ווארקערס יוניאן — 26 בלייק סט., הארטפארד, קאנ.
69. קלאוק פינישערס יוניאן — 244 ס. 8טע סט., פילאדעלפיא, פא.
70. סקוירט און דרעסמייקערס יוניאן 208 באדרינא עוו., טאראנטא, קענ.
72. דרעס און וואייט גודס ווארקערס, 1023 א. באלטימאר סט., באלטימאר.
73. אמאלגאמייטעד גארמענט קאטערס יוניאן — 724 וואשינגטאן סטריט, באסטאן, מאסס.
75. קלאוקמייקערס יוניאן — 10 קלערק סאן סט., וואוסטער, מאסס.
78. קלאוק אפרייטארס יוניאן — פראטערנאל בילדינג, רום 9, 11טע און פרענקלין עוו., סט. לואיס, מא.
79. ליידיס טיילארס יוניאן — 123 הער־מילטאן עוו., גרינוויטש, קאנ.
81. קלאוק און סוט קאטערס יוניאן — 1857 וו. 18טע סט., שיקאגא, איל.
82. בושלערס און בענדארערס יוניאן — 78 א. 10טע סט., נ. י.
83. קאטערס יוניאן — 84 בעווערלי סט., טאראנטא, קאנ.
84. קאטערס יוניאן — 715 [illegible] סט., טאלידא, א.
86. ליידיס טיילארס יוניאן — 706 מעין סט., [illegible], נ. ב. קאנ.
87. ריינקאוט מייקערס יוניאן — באקס 560, טרענטאן, נ. דזש.
89. איטאליען ווייסט ענד דרעס מייקערס יוניאן — 16 וו. 21טע סט., ניו יארק.
90. פרייוועט דרעס מייקערס יוניאן — 725 לעקסינגטאן עוו., ניו יארק.
92. קלאוק פרעסערס יוניאן — 84 בעווערלי סט., טאראנטא, קאנ.
93. סעמפעל מייקערס ענד ליידיס טיילארס — 305 סופיריאר בילדינג, קליוולאנד, א.
95. קארסעט ווארקערס יוניאן — 10 טאוזמאן סט., דענבורי, קאנ.
96. ליידיס טיילארס ענד אלטעריישאן ווארקערס יוניאן — 419 פרק סט., (האום), ניו הייווען, קאנ.
97. ליידיס טיילארס יוניאן — 520 וו. 3טע סט., לאס אנדזשעלעס, קאל.
98. סקוירט פרעסערס יוניאן — 311 ארד פעלאוס האל, נ. וו. 7טע און עלם סטס., סינסינעטי, א.
100. ווייסט און וואייט גודס ווארקערס יוניאן — 29 נ. וועללס סט., שיקאגא, איל.
101. גארמענט טיילארס ווארקערס יוניאן — 1023 א. באלטימאר סט., באלטימאר, מד.
102. ריינקאוט מייקערס יוניאן — 24 גולבאולט סט., מאנטרעאל, קענ.
103. ליידיס ווייסט און דרעסמייקערס יוניאן — לייבאר טעמפעל, 540 מייפל עוו., לאס אנדזשעלעס, קאל.
104. ליידיעס טיילארס יוניאן — 164 וו. וואשינגטאן סט., י. 306, שיקאגא, איל.
110. קאטערס יוניאן — 925 א. באלטימאר סט., באלטימאר, מד.
111. קליוולאנד ריינקאוט מייקערס יוניאן — 305 סופיריאר בילדינג, קליוולאנד, א.
112. ליידיעס גארמענט ווארקערס יוניאן — 37 פרינס ארטור סט. א., מאנטרעאל, קענ.
113. ליידיעס גארמענט ווארקערס יוניאן — 723 א. 212טע סט., מאונט ווערנאן, נ. י.
114. ראבער ענד ריינקאוט מייקערס יוניאן — 2030 אירי סט., ראסין, וויסקאנסין.
115. ווייסט, דרעסמייקערס און וואייט גודס מייקערס — 843-45 בראד סט., ר. 48, נוארק, נ. דזש.
118. ליידיעס גארמענט ווארקערס יוניאן — 1117 קעין עוו., קלינטאן, איאווא.
120. קאסטאם ליידיעס טיילארס יוניאן, 20 פארעסטער סט., ראטשעסטער, נ. י.
121. ווייסט ענד דרעסמייקערס יוניאן, 636 לאנדיס עוו., וויינלאנד, נ. דזש.
123. ליידיעס גארמענט ווארקערס יוניאן — 74 נ. מעין סט., פעטערסאן, נ. דזש.
124. ליידיס גארמענט פיטערס ענד אל־טעריישאן ווארקערס — 411 פי־לען בילדינג, סאן פראנציסקא, קאל.
125. ליידיעס גארמענט ווארקערס יוניאן — באקס 88, סקראנטאן, פ.

„וועמעס נאר?"

פון נ. ב. לינדער

מיט א קורצער צייט צוריק איז אין א ניו יארקער צייטונג געווען א געדרוקט חומאריסטישער קארטון, וואס האט פארגעשטעלט דעם פּראהיבישאן געזעץ אין א געשטאלט פון אן אמעריקען „הויז-נאר". פון ביידע זייטען פון'ם נאר זיינען געווען אויסגעשטעלט צוויי פיגורען: איינער האט פארגעשטעלט דאס פאלק, און די צווייטע — די רעגירונג. אין מיטען, צווישען פאלק און רעגירונג, איז געשטאנען דער נאר, באהאנגען מיט גלעקלאך און מיט קאטסקעס, און זיך ברעכענדיג און בויגענדיג מיט זיין פארשפּיצטער יארמולקע אויפ'ן קאפּ און מיט זיין קיילעכדיגען בוימעל אין האנט, האט ער געקוקט פון געבעכטער. דער נאמען פון'ם קארטון איז געווען „וועמעס נאר?"

דער דאזיגער קארטון, דערקויפט מאַסע, זיין נאמען, „וועמעס נאר?" — דעם פאלק'ס אדער דער רעגירונג'ס — דריקט אויס קלאר און איבערצייגט וואס יעדער אמעריקאנער פיהלט בנוגע דעם פּראהיבישאן געזעץ און ווי אזוי ער קוקט אויף איהם.

עס איז באמת צו שטוינען איבער דעם אפּגעם שפּאט, מיט וועלכען כמעט דאס גאנצע אמעריקאנער פאלק באציהט זיך צו דעם דאזיגען געזעץ, וואס איז היינט א טייל פון דער קאנסטיטוציע פון די פאראייניגטע שטאטען. ניט אומזיסט האט איצט דער גרעסטער און בעסערער טייל פון דער אמעריקאנער פרעס איבער'ן גאנצען לאנד אויפגעהויבען א קאמף געגען דער לעכערליכקייט און דעמאראליזירענדער ווירקונג פון דעם פּראהיבישאן געזעץ.

אט שרייבט די באלעבאטישע „ניו יארק גלאוב" אין אן עדיטאריעל אונטער'ן טיטעל „אמענדירענדיג געזעץ און ארדנונג" (טען פעברואר) און זאגט אזוי:

דער פּראהיבישאן אמענדמענט האט אפּגעשאפט דעם סאלון און באשאפען דאס געהיימע ברוועל. ער האט פארקלענערט די מאס פון טרינקען, דורכדעם וואס ער האט געמאכט בראנפען אי טייערער אי געפערליכער. ער האט אפשר אויך פארקלענערט די צאהל פון געוויסע פארברעכענס. אבער ער האט ניט געוואונען דעם רעספּעקט פון די דעמאקראטישע קלאסען אין די גרויסע שטעדט, וועלכע האבען זיך אליין געמאכט פאר די הויפּט-ליגנער פון „געזעץ און ארדנונג".

יעדער וואס וויל זיך אין דעם איבערצייגען, און וואס האט די נויטיגע מיטלען און דעם פּרעסטיזש, קען עס טאן דורך פארבעשטעלען אן עקסקלוזיווען מעלדיט און איינלאדען א פּארטיי פון איינגעקליבענע באצאהל פון די סאמע אייבעלוס-דוזערסטע בירגער, וואס ער קען געפינען. ער וועט ניט האבען קיין שום שוועריגקייטען, אויב ער איז נאר מוכן גוט צו באצאהלען, און קריגען וויפיעל ער וועט נאר ווערען ווייזן און בראנפען... ער דארף ניט מורא האבען געשטערט צו ווערען פון דער פעדעראלער אדער לאקאלער פאליציי. צווישען זייערע געסט מעגען זיך געפינען ריכטער, באנקירען, פּראפעסיאנאלען, סוחרים און אפילו שטאדטישע באאמטע... זיי ווערען אלע טרינקען ווין ווייזן און בראנפען מיט דער זעלבער פרייהייט, ווי זיי וואלטען עס געטאן פאר דעם „וואלסטעד אקט" (פּראהיבישאן געזעץ), און דער פאקט, וואס דערמיט ווערט באגאנגען א פארברעכען געגען געזעץ, וועט זיין דער בעסטער ווייז פון'ם אווענט.

ווייטער אין'ם זעלבען עדיטאריעל זאגט דער שרייבער ארום דעם געדאנק, אז

דאס, קען זיין, ווייזט, אז פּראהיבישאן איז אן אומרעכט, אדער אז אונזער געזעץ-אויפהאלטונג מענשען גלויבען ניט באמת אין שום געזעץ וואס שטערט זייער פּריוואטליכע באקוועמליכקייט. אבער עס איז א פאקט, אז דאס פארשמירט דאס געזעץ און די קאנסטיטוציע מיט אומפארשעמטער היפּאקריטיסטווע.

נאך שארפער און ביטערער איז דער קאמף וואס די היגע „ווארלד" פיהרט אן שטענדיג געגען דעם פּראהיבישאן געזעץ און געגען דער פעדעראלער רעגירונג פאר איהר ארויפצווינגען אט דעם נארישען און אומדורכפיהרבארען געזעץ אויפ'ן פאלק.

אין איהרע ארטיקלען איבער דעם פּראהיבישאן געזעץ ווייזט אן די „ווארלד", אז דאס דאזיגע געזעץ איז א גרויסער דורכפאל פון אנהויב ביז סוף; אז די גאנצע לאסט פון'ם געזעץ פאלט אויף די ארמע מאסען פון'ם פאלק. פון איין זייט באנוצען זיך מיט'ן פּראהיבישאן די בלוטזויגער פּראפיטירער און שענדליכסטע פארברעכער און שינדען פון'ם פאלק א הויט פאר דעם בילינסטען סארט בראנפען, וועלכער איז אפט ניט קיין בראנפען, נאר פשוט'ער סם-המות; פון דער צווייטער זייט מוזען די זעלבע מאסען אוועקצאהלען מיליאנען פון זייערע שווער-פארהארעוועטע דאלארס אין טאקסעס אויף אויפצוהאלטען די גרויסע רעגירונגס פּראהיבישאן-מאשין, וועלכע איז, אגב, פול מיט גרעפט און גרעפטערס ווי א בייגעל מיט קערנדלאך.

דאס איז חוץ די הונדערטע מיליאנען דאלאר וואס די רעגירונג אליין פארלירט יעדעס יאהר זינט ס'איז אפּגעשטעלט געווארען דער אימפּארט אהער פון אויסלענדישע ווינען און שפּירטען, אויף וועלכע די רעגירונג פלעגט קאלעקטען ריזיגע סומען אין פּארט-צאָלען.

עס איז נישטא נאך אזא געזעץ וואס האט אזוי שטארק געהינקען, אזוי ווייניג נוצען געבראכט און אזוי פיעל שאדען געטאן, סיי מאטעריעל און סיי מאראליש, ווי דער פּראהיבישאן געזעץ, זינט ער איז אריין אין קראפט אין 1919, ביז היינטיגען טאג.

דער הויפּט מאטיוו, וואס האט געהאלפען דעם פּראהיבישאן געזעץ דורכגעפיהרט צו ווערען אין ביידע „הייזער" פון'ם קאנגרעס, איז געווען — עס איז שוין איצט מעהר קיין סוד ניט — די מורא פאר די אמעריקאנער סאלדאטען, וואס האבען דעמאלט געהאלטען אין צוריקקומען פון די שלאכטפעלדער אין פראנקרייך.

די פרומע פּוריטאנער און אויך די רעגירונג אליין האבען זיך דעמאלט געשראקען — און ניט רעכט — פאר דער „עטוואס לויז געווארענער מאראל" פון די צוריקקומענדע קריגס-העלדען. זיי האבען מורא געהאט, אז אויב די דאזיגע סאלדאטען וואלטען, חלילה, ניט אזוי גיך צוריקקריגען זייערע שטעלעס און זייערע פריהערדיגע באשעפטיגונגען — ווי עס איז טאקע ווירקליך געווען — וואלטען זיי זיך נאך א נעהם טאן צום ביטערען טראפּען און — ווער ווייס וואס דעמאלט קאן געשעהן. האט מען זיך דעריבער צוגעאיילט און ארויפגעצווינגען א פארבאט אויפ'ן „ביטערען טראפּען".

און וואס האט אט דער פארבאט אויפגעטאן?

אט איז א צעטעל פון פּראהיבישאן „פארדינסטען" וואס א שרייבער אין דער „ניו יארק ווארלד" (טען פעב.) האט צונויפגעשטעלט:

פּראהיבישאן האט אויסגעלערנט מענשען טרינקען.

פּראהיבישאן האט באשאפען א מיסאכטונג צו געזעץ און ארדנונג און האט פארגרעסערט די צאהל פון פארברעכערס און פארברעכענס.

פּראהיבישאן האט געמאכט צו שפּאט די קאנסטיטוציע.

פּראהיבישאן האט גע'הרג'עט הונדערטער מענשען.

פּראהיבישאן האט געקאסט דער אמעריקאנער רעגירונג מיליאנען דאלארס אין איהר פארזוך דאס דורכצופיהרען; מיליאנען אין געהאלטען, ספּיס-רעגס, אויסשפּיאנירונגען, שרייב-מאטעריאלען און אזוי ווייטער;

מיליאנען אין פארלוסט אין פּארט-צאָלען (צוליב דעם אפּגעשטעלטען אימפּארט פון אויסלענדישע ווינען און שפּירטען);

מיליאנען אין פארלארענע טאקסעס פון שנאפּס און ביער ברויעריען;

מיליאנען אין געריכט-הוצאות אויף פּראצעסען, ארעסטען, גרענד-דזשוריס און פארגרעסערטער פאליציי מאכט.

פּראהיבישאן האט אויך געקאסט יעדען שטאאט און יעדער שטאדט באזונדער שווערע מיליאנען אויף געריכט-הוצאות, דזשוריס און עהנליכע אויסגאבען.

פּראהיבישאן האט געבראכט דעם פאלק שאדען אויף מיליאנען דאלארס, דורכדעם וואס פיעלע מאשינען, געביידען און פאבריקען זיינען געבליבען נוצלאז און ווערטלאז.

פּראהיבישאן האט פארקריפּעלט אדער געשטעלט אין געפאהר פיעלע אינדוסטריען, דירעקט אדער אינדירעקט.

אויף אט דעם לעצטען פונקט לוינט זיך אפּצושטעלען באזונדער. אין דער אנקלאגע, אז „פּראהיבישאן האט פארקריפּעלט אדער געשטעלט אין געפאהר פיעלע אינדוסטריען, דירעקט אדער אינדירעקט" ליגט א גאר טיפער אמת. און טאקע אפשר ווייל דער אמת איז אזא טיפער מערקט ער זיך ניט אזוי גרינג פון אויבענאויף.

מיר וועלען אפשר ביי א צווייטער געלעגענהייט אנווייזען אויף דעם אומזיכטבארען אבער גרויסען היזק וואס פּראהיבישאן האט געבראכט אין א סך אינדוסטריען, סיי פאר די ארבייטסגעבער און נאך מעהר פאר די ארבייטער. מיר זאגען „אומזיכטבארען", ווייל עס איז ניט אזא היזק, וואס מע קאן פון דעם ערשטען בליק באמערקען אז ער שטאמט דערפון, וואס דעם ארבייטער, דעם הארעפּאשניק, פעהלט דער נויטיגער סטימולאנט וואס ער פלעגט קריגען פון זיין גלאז ביער נאכ'ן עסען. און ווער ווייס אויב דאס האט ניט א סך צו טאן מיט דעם טומעל וועגען „סטענדארדס און פּראדאקשאן", וואס איז אין די לעצטע עטליכע יאהרען אויפגעהויבען געווארען אין אלע אינדוסטריען.

אבער, ווי געזאגט, די דאזיגע פראגע פאדערט א באזונדער באטראכטונג, פאר וועלכער אין דעם היינטיגען ארטיקעל איז ליידער מעהר קיין פלאץ ניט געבליבען.

דא זאל בלויז נאך צוגעגעבען ווערען, אז דער קאמף געגען פּראהיבישאן איז איצט דערגאנגען אזוי ווייט, אז די רולס קאמיטע פון אונזער ניו יארקער באארד אוו אלדערמען האט ניט לאנג צוריק אריינגעבראכט צום באארד א געפּעפערטע רעזאלוציע וועגען אויפפאדערען דעם קאנגרעס אין וואשינגטאן אפּצושאפען פּראהיבישאן אויף ביר און ווין.

די דאזיגע רעזאלוציע, זאגט מען, האט אלע אויסזיכטען אנגענומען צו ווערען. און וואס איז נאך אינטערעסאנטער: אין דער זעלבער רעזאלוציע ווערט אויך געפאדערט, אז יעדער קאנדידאט פאר קאנגרעסמאן אדער סענאטאר זאל מוזען קלאר מאכען פאר די וועהלער זיין שטעלונג צו דער פּראהיבישאן פראגע.

די דאזיגע פאדערונג איז ארויסגעוואקסען פון דערפון, וואס זינט די אלגעמיינע אומצופרידענקייט מיט פּראהיבישאן האט זיך אנגעהויבען צו פיהלען אביסעל שטארקער, האט זיך די חברה פּאליטישענס דערשראקען. די דעמאקראטען און רעפּובליקאנער האבען אנגעהויבען ווארפען איינע אויף די אנדערע די שולד פון דורכפיהרען אט דאס פּראָוועניש — דעם פּראהיבישאן געזעץ. עס פארשטעהט זיך, אז ריין זיינען ווי ביידע ניט. אבער זייער ארומווארפען זיך מיט'ן פּראהיבישאן געזעץ ווי מיט א ממזר איז נאך א באווייז, וואס פאר א ווערט דער געזעץ האט, און וואס פאר א „כבוד" ער איז פאר זיינע פארפאסער.

קורץ און שארף

(שלוס פון זייט 10).

מוזגען מיט מעהר רוהיגקייט. יעדענפאלס, פאר איין זאך האבען אונזערע אלריינסקי'ס פארדינט דעם ביטערען טעם פון ווערען ארויסגעשמיסען פון דיזעלבע מענשען, אויף וועמען זיי האבען נאך גארנישט לאנג צוריק געקוקט, ווי אויף זייערע שקלאפען.

מרס. אסקוויט, די פרוי פונ'ם געוועזענעם ענגלישען פריים-מיניסטער, וועלכע איז דא צו-גאסט, און מאכט א שעהנע פאר דאלאר פון לעקטשורס פאר אונזערע פיער-הונדערטער, איז באקאנט אלס „די פרוי מיט דעם צונג פון א שלאנג". ווייס איך ניט, צי האט זי געקריגען דעם נאמען דערפאר, ווייל זי האט אזוי פיל גיפט, צי ווייל זי איז אזוי קלוג. אורטיילענדיג פון די אויסצוגע פון איהרע לעקטשורס, וואס איז מיר אויסגעקומען צו זעהן אין די צייטונגען, איז קיין פיל חכמה דארט ניט צו געפינען. בלייבט דארום בלויז דאס ביסעלע גיפט, אבער מיט דער מתנה איז דאך כמעט יעדע פרויען-צונג באשענקט.

עס איז געוויס געווען זעהר ניט קלוג און ניט רעכט פון דער זייט פון די פארשידענע געזעלשאפטען, וועלכע האבען זיך גענומען פאר דער מצוה צו שאפען הילף פאר די הונגער-ליידענדע באפעלקערונג אין רוסלאנד צו ווארפען אלערליי חשדים אויף די רעגירונגס-הילף. די דאזיגע געזעלשאפטען האבען געוויס ניט געמיינט קיין בייז, אבער דאס איז געווען א פאל פון בערישער פריינדשאפט פאר רוסלאנד. איצט, אז הואווער צאהלט זיי אפּ מיט דערזעלבער מטבע, און מאכט א געוואלדיגע העצע געגען זיי נאר דערפאר, ווייל פילע פון דיזע געזעלשאפטען זיינען מעהר אדער ווייניגער אין סימפּאטיע מיט'ן סאוועטיזם אין רוסלאנד, איז ער פונקט אזוי אונגערעכט. ווארים דורך דעם גאנצען סכסוך איז דער עולם געווארען שטארק פארדעכטיג און די הילף-ארבייט פאר רוסלאנד אין אמעריקא האט דערפון שטארק געליטען. בינו לבינו שטארבען פון הונגער די אומגליקליכע אין רוסלאנד אין צעהנדליגע טויזענדע.

קלאוקמאכער, אויפמערקזאם.

דער דאון-טאון אפיס פונ'ם דזשוינט באארד פון די קלאוקמאכער - יוניאן מופט אין 33 סעקאנד עוועניו, די נעקסטע הויז פון דעם יעצטיגען אפיס.

דעם 1טען מארטש זאלען קאמפּליינס געבראכט ווערען אין דעם נייעם אפיס.

מ. שארף, מענעדזשער.

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאקטאר :: און די לעזער ::

ל. וו. — ניין, מיר קענען עס ניט טאן אונטער די באדינגונגען, וועלכע איהר שלאגט פאר אין אייער בריף, און דערפאר האבען מיר געהאלטען פאר איבעריג, פאר אומזיסטע צייט-פארלוסט, צו לייענען עס, און מיר האבען גרד געווען אונזער גאנץ נאטירליכע נייגעריגקייט.

ר. ראזענבלום. — אייער שנעלער ענטפער, צוזאמען מיט דעם משעק פאר א יעהרליכע סובסקריפּשאן אויף דער „גערעכטיגקייט" איז פאר אונז די בעסטע ראיה, אז מסתמא האט איהר געפונען דארט פילעס, וואס איז ווערט דאס געלד. און וועלכען גרעסערען לוין קען דער שרייבער ערווארטען, ווי די דאזיגע אנערקענונג?

חיים גראסמאן. — פון דעם אנפאנג און פון דעם סוף זעהען מיר, אז אייער בריף איז געווען באשטימט פאר אן אנדער צייטונג. און מיר האבען מורא, אז נאר דורך א טעות איז ער אנגעקומען צו אונז. דערפאר האלטען מיר אייער בריף ביז איהר וועט קומען און אפּ'ם איהם אפּנעהמען. פון דעסטוועגען, אז מיר האבען שוין דעם בריף אייערען געהאט אין די הענט, האבען מיר, ווילענדיג ניט-ווילענדיג, א בליק געטאן אין איהם, און מיר געפינען דארט אמת-משיקאווע זאכען. דאס ערשטע ערקלערט איהר, אז איהר, „די רעוואלוציאנערע ארבייטער", ווילט ניט, אז ווען אן ארבייטער קומט אריין אין שאפּ פרעגען אויף ארבייט, זאל דער באס ביי איהם פרעגען, וויפיל סקוירטס ער קען מאכען אין א שטונדע, און טאמער ענטפערט ער, אז ער קען מאכען בלויז דריי, זאל ער, דער באס, איהם ניט קענען זאגען: „איהר טויגט פאר מיר צו לאנגזאם און איך קען אייך ניט באשעפטיגען". איז דאס, נאטירליך, זיבער שעהן פון אייער זייט, וואס איהר ווילט ניט, אז דער באס זאל אזוי האנדלען. נאר מעלט וואס דער רעוואלוציאנערער ארבייטער וויל ניט? ק ע ן ער עס אבער אויספיהרען? אן ארבייטער, ווען ער קומט פרעגען אויף א דזשאב, קריגט דאך ניט דעם דזשאב פון די ארבייטער אין שאפּ, נאר פון דעם באס אין שאפּ, און ווארום זאל דער באס ניט מעגען איהם פרעגען, וויפיל ער קען אויסארבייטען? ווארום מעג ער ביי איהם פרעגען: וואו ער האט געארבייט, וועלכען סארט ארבייט ער האט געמאכט, און טאר ביי איהם ניט פרעגען, וויפיל ער קען מאכען? קיין באס וויל דאך צו זיין ארבייטער ניט צולייגען, נאר ער וויל פארדינען עפּעס פון זיין ארבייט, איז דאך ניט מעהר ווי לאגיש, ער זאל ביי איהם מעגען פרעגען, וויפיל ער וויל קריגען באצאהלט, און וואס קען ער פאר דעם ווידזש אויסטאן? פארגעסט ניט, אז דער קאמוניזם איז נאך דערוויילע ניט איינגעפיהרט; דאן וועט יעדער ארבייטען וויפיל ער קען, און קריגען אלעס לויט זיינע באדערפניסע. דערוויילע אבער ארבייטען מיר נאך אונטער דעם ווידזש-סיסטעם, און אונטער דעם ווידזש-סיסטעם איז די פראגע פון דעם באס א גאנץ נאטירליכע, און קיין יוניאן, קיין שאפּ-דעלעגאטען-ליג קען דאס רעכט פון באס צו פרעגען, וויפיל דו, ארבייטער, וועלכער זוכט א דזשאב, קענסט אויסטאן, ניט אוועקגענומען ווערען. דאן דערצעהלט איהר, אז איהר, די רעוואלוציאנערע ארבייטער, ווילט אז די אינסייד שעפּער זאלען מאכען זייערע סקוירטס ביי זיך. דאכט זיך אונז, אז דאס ווילען אלע. די יוניאן ארבייט פאר דעם מיט אלע כוחות, נאר ביז איצט האט זי עס נאך ניט אויסגעפיהרט, טו וואס איז אייער „פּעטענט", אז אזעלכעס זאל מעהר ניט פארקומען? דריטענס, זייט איהר אין כעס, ווארום מענעדזשער וואנדער באהויפּטעט, אז איהר זייט א געפאהר פאר דער יוניאן. אבער מיר מוזען אייך זאגען, אז ער איז גערעכט אזוי אונגערעכט. ווארום וועגען די אלע שלעכטע קאנדישאנס אין די שעפּער ווייס ער געוויס אזוי גוט, ווי איהר. פארשטעהט זיך, אז ער וואלט געוואלט זעהן זיי אפּגעשאפט. אויף דעם איז ער אזא רעוואלוציאנער פונקט ווי איהר. נאר דער חילוק צווישען אייך און איהם איז אט וועלכער: ער ווייס, וואס די יוניאן קען אונטער געוויסע אומשטענדען יע אדער ניט אויפטאן, און איהר מיינט, אז די יוניאן קען אלעס אויספיהרען און אונטער אלע אומשטענדען. אויב אזוי, איז וואנדער געוויס גערעכט, ווען ער באהויפּטעט, אז מענשען מיט אזעלכע מיינונגען, ווי אייערע, ווען זיי זאלען קריגען די מאכט, קענען גאנץ לייכט, ניט ווילענדיג, ניט מיינענדיג קיין בייז, צוברעכען א יוניאן. וואס אנבאטרעפט אייער קריטיק איבער די לעצטע וואהלען, פארשטעהען מיר גאנץ גוט דעם גרונד פון אייערע אויסזעצונגען. איהר זייט דאך אייבער פון די דורכגעפאלענע, און עס איז שוין כמעט ווי א כלל, אז די דורכגעפאלענע זאלען ערקלערען אזעלכע וואהלען פאר ניט קיין כשר'ע. פאקטיש אבער זיינען צוויי פון „אייערע" יא אריין. איז דאס, הלוא, ניט דער בעסטער באווייז, אז אייער קריטיק געגען די וואהלען איז אין גאנצען גרונדלאז?

א. ניידיש, מעמבער עקז. ב. לאקאל 11.—

קלאוק אפערייטארס יוניאן לאקאל 1

א. ל. ג. וו. א.

אויף צו די וואהלען פאר דער עקז. באארד

פון לאקאל 1 פאר דעם יאהר 1922.

דיזען שבת, דעם 25טען פעברואר

וועט פאר־קומען

עלעקשאן פאר דער עקזעקוטיוו באארד

אין אינזער אפיס, 100 וועסט 1?טע סטריט.

שטימען וועט מען קאנען פון 10 פריה ביז 6 פארנאכט.

אלע מיטגלידער דארפען זיך באטייליגען און אויסקלייבען די פעהיגסטע קאנדידאטען פאר דער קומענדער עקזעקוטיוו באארד.

ברידער קלאוק אפערייטארס! מיר האבען ערשט ניט לאנג דורכגע־מאכט א שווערען קריזיס אין אונזער טרייד. דער סטרייק איז געוואונען גע־ווארען. מיר האבען געהאט א גרויסען זיג איבער אונזערע בעלי בתים. עס שטעהט אונז אבער פאר א נייער קריזיס. מיר וועלען דארפען מאכען א נייעם אגרימענט מיט די באלעבאטים. דערפאר איז עס די פליכט פון אלע מעמבערס זיך צו באטייליגען אין דעם עלעקשאן און ערוועהלען די בעסטע מענשען וואס וועלען אייך קענען פארטרעטען צו די נעקסטע קאנפערענצען מיט די באסעס, ווי אויך פארטרעטען די קלאוק אפערייטארס׳ אינטערעסען אין אלגעמיין.

קומט אין מאסען און שטימט פאר די בעסטע מענשען!

מיט ברידערליכען גרוס,

עקזעקוטיוו באארד, לאקאל 1

ב. קאפלאן, טשערמאן. ב. שעהן, מענעדזשער־סעקרעטער.

אייערע קינדער׳ס אויגען

האבען אייערע קינדער שוועריגקייט אין לערנען? געפינען זיי זייערע לעסאנס צו שווער? איז זייער זכרון שארף אדער שוואך?

אין פילע פעלע איז דאס דער רעזולטאט פון שוואכע, אנגעשטרענג־טע אויגען און א פאר גוט צוגעפאסטע ברילען וועט זיי אייך בא־פרייען פון יעדע שוועריגקייט און העלפען זיי אין זייער לערנען. זעהט זיך מיט דר. בעקער׳ן אין איינע פון זיינע 7 אפטיקעל אפיסעס און א עקזאמינעישאן וועט באשטימען דעם צושטאנד פון זייערע אויגען.

אפטאמעטריסטס און אפטישען

215 איסט בראדוויי	895 פראספעקט עוו.
ניער קלינטאן סטריט	נעבען 163טע סטריט
102 לענאקס עוועניו	170 פיטקין עוועניו
נעבען 116טע סטריט	נעבען ראקעוועי עוועניו

262 איסט פארדהעם ראוד, בראנקס

DR. BARNETT L. BECKER

יצחק אייזיק הורוויטש

לאָ אפיס

280 בראדוויי

רום 431 טעלעפאן וואירטה 1936

טעלעפאן גראמערסי 2441

די לעאנארד פרעס

42 איסט 23טע סט., ניו יארק

הארלעם סאציאליסטישער עדיוקיישאנאל סענטער

62 איסט 106טע סטריט,

צווישען פארק און מעדיסאן עוו.

צו פארדינגען א גרויסען האל

קאן אריינגעמען 600 מענשען

פאר קאנצערטען, בעלער, פארשטעלונגען, חתונות און אז. וו.

אויך אפיסעס און מיטינג רומס.

אפען יעדען טאג ביז שפעט ביינאכט.

טעלעפאן: הארלעם 9020.

דעזיינערס פון

פרויען קליידער ווערען א סך פארלאנגט

א גוטע פראפעסיע פאר מענער און פרויען!

אין דעזיינינג פאר פרויען, מיסעס און קינדערשע קליידער א קורס אין מיטשעל סקול מיינט א באל־דיגע פאזישאן און א גרויסע געהאלט.

די מיטשעל סקוהל אוו גארמענט דעזיינינג, פעטערן מייקינג, גריידינג און פיטינג פאר פרויען קליי־דער, עטאבלירט איבער 50 יאהר מיט דעם גרעסטען ערפאלג.

נייע אידעען
נייע סיסטעמען
בעסטע מאטארען
בעסטע רעזולטאטען

פריוואט אונטערריכט. טאג און אווענט קלאסען. גוטע פאזיציאנען. שרייבט, טעלעפאנירט אדער קומט פאר א פרייען בוקלעט מיט פולער אינפארמאציע.

פרייע דעמאנסטריישאן אין אונזער סקול.

אווענט קלאסען: מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג

DEMONSTRATIONS FREE AT THE SCHOOL

MITCHELL DESIGNING SCHOOL

912-920 BROADWAY (Cor. 21st St.), NEW YORK

Phone: STUYVESANT 8383.

Boston Branch: 453 Washington Street, Dexter Building.

דעזיינינג און סקעטשינג

א וואונדערבארע פראפעסיע!!!

פארלירט ניט די געלעגענהייט — פאנגט אן גלייך.

איהר קאנט ווערען א פעטערן מאכער און א גארמענט סקעטשער אין דריי מא־נאטען אדער אין נאך ווייניגער. מען דארף ניט האבען קיין עקסטרא טאלאנט אויסצולערנען זיך דעם „מארען סיסטעם" פון פעטערן־מייקינג, גריידינג, דראפ־פינג, גארמענט סקעטשינג, פיטינג און דרייפינג פון ליידיס, מיסעס און טשיל־דרענס קלאוקס, סוטס און דרעסעס.

פריוואטע לעסאנס פון פראקטישע עקספערטען—מעסיגע פרייזען.

קומט אינטער וועלכען אווענד פון 7 ביז 9. שבת נאכמיטאג, פון 2 ביז 4.

די מארען פעשאן אקאדעמי.

114 וועסט 44סטע סט., רום 701. אנטקעגען דעם בעלאסקא טעאטער.

קלאוקמאכער

אויפמערקזאם!

קאמפליינטס פון קלאוק שעפער

ווערען אויפגענומען ווי בעפאר

אין די אפיסעס פון דזשאינט באארד

40 א. 23טע סט. קלאוק און ריפער שעפער אויפ׳ן 1טען פלאר.

דרעס און סקירט שעפער — אויפן 2טען פלאר.

פראטעקטיוו שעפער אויפ׳ן 3טען פלאר.

קאמפליינטס פון דאון־טאון קלאוק שעפער

ווערען אויפגענומען

אין דעם דאון־טאון אפיס

35 איסט 2טע סטריט, קארנער 2טע עוועניו.

די קלאוקמאכער, וואס האבען קאמפליינטס צו מאכען, זאלען זיך ווענדען אין די אויבענדערמאנטע פלעצער.

איזראעל פיינבערג,

דזשענעראל מענעדזשער.

קלאוק אפערייטארס יוניאן לאקאל 1
א. ל. ג. וו. י.

אויפמערקזאם!

א ספעשעל דזשענעראל מעמבער

מיטינג

ווערט שטאטפינדען

דיענסטאג אווענט, 23טען פעברואר

— 7 אוהר שארפ —

אין גרויסען וועבסטער האל, 119 איסט 11טע סטריט

ביי וועלכען זעהר וויכטיגע פראגע בנוגע דעם לאקאל וועלען פארהאנדעלט ווער־רען. אויך וועט די ארבייט פון דער ארויסגעהענדער עקזעקוטיוו באארד פאר־ענדיגט ווערען ביי דיזען מיטינג.

ברידער קלאוקמאכער! פאר א לאנגע צייט זייט איהר געווען גלייכגילטיג צו די וויכטיגסטע פראגען אין אייער יוניאן. די לעצטע צייט צייגט זיך אבער אן ענדערונג. די מיטינגען זיינען פיעל מעהר באזוכט און אינטערעסאנט. מיר, די עקזעקוטיוו באארד, זיינען נאך אלץ ניט צופרידען און מיר פארלאנגען פון אלע מעמבערס זיך מעהר צו פאראינטערעסירען אין אייער יוניאן אזוי גוט ווי די ארבייט פון אייער עקזעקוטיוו באארד. אלזא, קומט אין מאסען און מאכט דעם מיטינג פאר דעם גרעסטען ערפאלג.

וואס אלע מעמבערס דארפען וויסען:

אלע מעמבערס וועמעס ביכלאך זיינען פארלארען געווארען אין צייט פון סטרייק זאלען זיך מעלדען אין לאקאל 1 אפיס, 100 וועסט 21סטע סטריט.

דעם שבת וועט שטאטפינדען עלעקשאן פאר דער עקז. באארד פון לאקאל 1. דארום זאלען אלע מעמבערס, וועמעס ביכלאך ווערען גענומען צו די משערליים צו צאהלען דיוס צוריקקריגען זייערע ביכלאך.

יעדער מעמבער זאל פאדערען זיין יוניאן בוך דעם טאג בעפאר עלעקשאן.

די מעמבערס וועלכע האבען ניט ערהאלטען דעם יעהרליכען באַ־ריכט פון עקזעקוטיוו באארד זאלען זיך מעלדען אין אונזער אפיס און זיי וועלען איהם באקומען.

ב. קאפלאן, משערמאן ב. שעהן, מענעדזשער־סעק.

דער

ארבייטער רינג

איז דער גרעסטער און שטארקסטער ראדיקאלער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

פארמאגט — $1,500,000
מיטגלידער — 82,000
בראַנטשעס — 645

דער ארב. רינג שטיצט זיך אין וויכטיגען עקאָנאָמי־שען און פּאָליטישען קאמף.	A. R.	דער ארבייטער רינג איז דער קולטור־צענטער אין דער אי־דישער ארבייטער באוועגונג.

דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואס האט אן אייגענעם סאניטאריום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מיטגליעדער.

מעמבערס ווערען אריינגענומען אין עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.

אויב איהר זייט נאך ניט קיין מיטגליעד, שליסט זיך גלייך אן!

פאר אינפארמאציע ווענדעט זיך:

THE WORKMEN'S CIRCLE
175 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.

שאפ משערליימע
— און —
קלאוקמאכער
אויפמערקזאם!

די שאפ משערליימע וועלען ארויסגעפארערט ניט צו לאַ־זען קיינעם זיך זעצען צו דער ארבייט אהן א ווארקינג קארד פון דער יוניאן.

קאמפליינטס פון די מעמבערס וועלכע וועלען ניט האבען קיין ווארקינג קארדס וועט מען אין די אפיסעס ניט אויפנעמען. פון היינט אן און ווייטער, ווען א מעמבער וועט קומען מאכען א קאמפליינט, וועט ער ביי זיך מוזען האבען די ווארקינג קארד אזוי גוט ווי זיין יוניאן ביכעל.

ל. לאנגער, סעקרעטער.

דזשאינט באארד קלאוק, סקוירט און ריפער מאכער יוניאן.

דער 40 פופציג יעהריגער יוביליאום
פון קאנגרעסמאן

מאיר לאנדאן

וועט געפייערט ווערען דורך א

מאסמיטינג
שבת אווענט, דעם 4טען מארטש
— אין —
לעקסינגטאן טעאטער
51טע סטריט און לעקסינגטאן עוועניו

פארטרעטער פון דער סאציאליסטישער און ארבייטער באוועגונג וועלען אדרעסירען דעם מיטינג.

די רעדנער אויפ'ן מאסמיטינג וועלען שפעטער אנאנסירט ווערען.

אלע אנפראגען זאלען געמאכט ווערען צום סעקרעטער:

A. S. NEGIN, Meyer London Anniversary Committee

61 Canal Street New York City

דאון טאון אפיס פון די קלאוק מאכער יוניאן מופט
אין 33 2טע עוועניו

די נעקסטע הויז פון דעם יעצטיגען אפיס.

פון 1טען מערץ אן און ווייטער זאלען די קאמפליינטס געבראכט ווערען אין דעם נייעם אפיס.

אין נאמען פון דזשאינט באארד,

ס. דזש. רינגער, קאמפליינט קלערק.

מ. שארפ, דיסטריקט מענעדזשער.

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה, (איוב כ"ז, ו')

אין מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אויפגעבען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. IV. No. 9. New York, Friday, March 3, 1922. פרייטאג, דעם 3טען מארטש, 1922. PRICE 3 CENTS

אונזער אינטערנעשאנאל אין איהר נייער אייגענער היים

א שעהנער, פאסענדער הניכת־הבית וועט קורציך געפייערט ווערען.

אונזער אינטערנעשאנאל האט שוין די וואך זיך אריינגעקליבען אין דער נייער, שעהנער אייגענער היים, וואס געפינט זיך אין נומער 3 וועסט 16טע סטריט, די צווייטע הויז פון קארנער 5טע עוועניו. דאס איז דער לעצטער נומער „גערעכטיגקייט", וואס ערשיינט אין דער רעדאקציע פון 31 יוניאן סקווער. דער נעקסטער נומער „גערעכטיגקייט" וועט שוין ערשיינען פון דער נייער, אייגענער היים, אין 3 וועסט 16טע סטריט.

דאס אריינקליבען זיך אין אן אייגענער, שעהנער היים איז געווען א גאנץ וויכטיגע און פרעהליכע ערשיינונג אין לעבען פון אן ארבייטער ארגאניזאציאן. דאס ווייזט אם בעסטען ווי שטארק די ארגאניזאציע איז באפעסטיגט.

די נייע אייגענע היים פון אונזער אינטערנעשאנאל איז א מאדערנע בילדינג, באטש ניט קיין גרויסע, אין גאנצען פינף שטאק הויך, מיט אלע לעצטע אימפרואוועמענטס. אין דער בילדינג וועלען געפינען א באקוועמע היים די אלע אפיסעס און דעפארטמענטס פון אונזער דזשענעראל אפיס, ווי אויך די העדקוואטערס פון אונזערע דריי צייטונגען, די אפיציעלע ארגאנען פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט װאירקערס יוניאן. אין דער בילדינג איז אויך דא א „קאונסיל רום" פאר קאנפערענצען און פארזאמלונגען פון א צוויי הונדערט מענשען.

די בילדינג איז נאך ניט אין גאנצען פארענדיגט. עס דארפען נאך געמאכט ווערען איניגע „פינישינג טאטשעס". דאס וואס מיר האבען שוין אריינגעמופט נאך איידער אלץ אין דער בילדינג איז פארענדיגט, איז דערפאר וואס אונזערע אפיסעס האבען ניט געקענט בלייבען אין

(שלוס אויף זייט 2)

סעקרעטער באראף שיקט אויס צו די לאקאלס דעם אפיציעלען קאנווענשאן־רוף

די ספּעציעלע קאמיטע איז שוין ביי דער ארבייט צו ארראנזשירען אונזער קאנווענשאן.

סעקרעטער אב. באראף איז לעצטע וואך געווען אין קליוולאנד אנצופאנגען די אראנזשמענטס פאר דער קאנווענשאן פון אונזער אינטערנעשאנאל, וואס וועט זיך עפענען די ערשטע וואך אין מאי.

די עפענונג פון דער קומענדער קאנווענשאן וועט זיין באזונדערס פייערליך, ווייל זי וועט זיך עפענען מאנטאג אין דער פריה דעם 1טען מאי, דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער יום־טוב. יענער טאג איז דער טאג פון ארבייטער־דעמאנסטראציעס איבער דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט, דורך וועלכע עס ווערט אויסגעדריקט די סאלידאריטעט פון די ארבייטער־מאסען פון אלע לענדער און פעלקער, און דאס וואס אונזער קאנווענשאן וועט זיך עפענען אין יענעם היסטארישען טאג וועט געוויס צוגעבען א סך פייערליכקייט צו דער ערעפענונג.

אלזא, די אראנזשמענטס פאר דער קאנווענשאן ווערען שוין געמאכט.

דער אפיציעלער קאנווענשאן־רוף.

די וואך האט סעקרעטער באראף ארויסגעשיקט צו אלע אינטערנעשאנאל־לאקאלס אן אפיציעלען קאנווענשאן־רוף. דער רוף איז אונטערשריבען פון פרעזידענט שלעזינגער און סעקרעטער באראף און ער לעזט זיך ווי פאלגט:

„צו די באאמטע און מיטגלידער פון אונזערע לאקאל יוניאנס.

זייט געגריסט!

אין איינקלאנג מיט אונזער קאנסטיטוציע, רופען מיר אייך זיך צו באזיר־

(שלוס אויף זייט 5)

קלאוקמאכער מיליאן דאלאר פאנד זאמעלט זיך

א בריף צו די טשערמען פון די פראטעקטיוו שעפער.

די פאפולערסטע זאך צווישען אונזערע ניו יארקער קלאוקמאכער איז איצט דער מיליאן דאלאר פארטיידיגונגס־פאנד, וואס מוז אין די נעהסטע פאר וואכען געזאמעלט ווערען.

די קלאוקמאכער ווייסען, דאס דער איצטיגער אגרימענט אין טרייד וועט זיין אין קראפט ניט מעהר ווי ביז דעם 1טען דזשון און דאן וועט מען דארפען רעדען מיט די באלעבאטים וועגען א נייעם אגרימענט. טו יעדער ווייס, ווי די באלעבאטים ווילען זיך דעמאלט פארהאלטען.

איינס איז גאנץ זיכער. אין אזא צייט טאר ניט זיין לעדיג דער יוניאן'ס טרעזשורי. דער מיליאן דאלאר וואס די יוניאן האט פארשפענדעט אויף דעם לעצטען סטרייק, מוז אין די נעקסטע פאר וואכען געשאפען ווערען, די טרעזשורי פון דער יוניאן זאל ווידער אנגעפילט ווערען. ווען די יוניאן זאל ביי אזא געלעגענהייט, בעת אן אגרימענט דארף באנייט ווערען, ניט האבען אין טרעזשורי כאטש א מיליאן דאלאר, וואלט עס מיינען, אז די באלעבאטים האבען געכאפט די יוניאן דרעמלענדיג. די מיטגלידער פון דער קלאוקמאכער יוניאן ווייסען דאס און פארשטעהען דאס, און זיי וועלען געוויס זעהן, אז דער מיליאן דאלאר פארטיידיגונגס־פאנד זאל זיין אין דער האנט פון דער יוניאן וואס גיכער.

אין פארלויף פון דעם לעצטען סטרייק זיינען די קלאוקמאכער זעהר שטאלץ געווען דערמיט, וואס דער סטרייק איז אין גאנצען פינאנסירט געווארען פון דער יוניאן גופא און מען האט ניט געדארפט געהן קלאפען מיט די פושקעס צו העלפען די סטרייקער. ארום זיבען הונדערט טויזענד דאלאר האט מען אויסגעצאהלט בלויז אין סטרייק־בענעפיט צו די מעמבערס, אחוץ די אנדערע סטרייק־אויסגא־

(שלוס אויף זייט 16)

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 9.

זייט 2. די וואך — ב. ג.
זייט 3. צוויי מיטינגען פון עקזעקוטיוו באארד לאקאל 22 — י. שעהנהאלץ. מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן — ל. לאנגער.
זייט 4. טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען — בריף פון מיטגלידער.
זייט 5. עדוקיישאנאל נאטיצען.
זייט 6. א בריף פון לאס אנדזשעלעס — דזשי. לענטש. אין א קליין שטעדטעל (שלוס) — מרים קארפילאוו.
זייט 7. וועגען דעם געענדיגטען וועסט מאכער קאמף אין פילאדעלפיע — י. ש. פרענקאוויטש.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.
זייט 9. דער מיטינג פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד — ש. יאנאווסקי.
זייט 10. לאיד דזשארדזש, פרעמיער פון ענגלאנד — נ. טאביאס. קורץ און שארף — י. ב. ג.
זייט 11. א כראנאלאגישע געשיכטע פון קלאוקמאכער סטרייק — אלעקסאנדער טראכטענבערג. אזוי וועט זיין (געדיכט) — נפתלי גראס.
זייט 12. דער באנוס ביל — א שטודיום אין היפאקריטסטווא — א. וועלדין.
זייט 13. ווי צו זיין געזונט — דר. ב. דובאווסקי. קורצע שמועסען.
זייט 14 און 15 — אדווערטייזמענטס.
זייט 16. דער „ספען פארים" מיטינג פרייטאג, אין „פארווערטס" האל. שלוסען פון זייט 1.

צום 50 יעהריגען יובילעאום פון קאנגרעסמאן מאיר לאנדאן

דעם שבת אוונט, דעם 4טען מערץ, וועט ביי די ארגאניזירטע ארבייטער פון ניו יארק זיין א גרויסער יום טוב, — יענעם אוונט וועט געפייערט ווערען דער 50 יעהריגער יובילעאום פון קאנגרעסמאן מאיר לאנדאן, אדער בעסער געזאגט, פון גענאסע און ב ר ו ד ע ר מאיר לאנדאן, וועלכער האט זיך, דורך א פיל יעהריגער געזעלשאפטליכער טעטיגקייט זעהר באליבט געמאכט ביי די גרויסע מאסען ארגאניזירטע אידישע ארבייטער.

אין דעם גרויסען קאמף פון דעם אידישען פראלעטאריאט אין אמעריקא, האבען זיך קיין סך לאנדאנס ניט באוויזען. מאיר לאנדאן האט פון זיין פריהסטער יוגענד באגריפען די צרות און די ליידען פון די אידישע ארבייטער און ער האט זיך אין דינסט געשטעלט פון די אידישע ארבייטער, זייערע לעבענס צו פארבעסערען, אויף ווי פיל, נאטירליך, עס לאזט זיך אונטער די אומשטענדען אין דער קאפיטאליסטישער וועלט. מיט זיין הייסען טעמפעראמענט, מיט זיין אונערשעפליכער באגייסטערונג פאר דעם פרייהייטס־קאמף פון די פראלעטאריער, און מיט זיין באדייטענדען רעדנער טאלענט, האט ער זיך גאנץ פריה געשטעלט צום דינסט פון די פארשקלאפטע, אונטערדריקטע און עקספלואטירטע ארבייטער־מאסען, און אויף דעם פאסטען שטעהט ער נאך ביז דעם היינטיגען טאג, כאטש ער זיצט שוין עטליכע יאהר אין קאנגרעס פון וואשינגטאן, וואו ער איז דער איינציגער סאציאליסטישער פארטרעטער און איז כסדר אין דער געזעלשאפט פון די אפגעפרעסענע פאליטישענס. אפילו אט די נייע קאמפאני זיינע האט ניט געקענט האבען די ווירקונג אפצורייסען מאיר לאנדאן פון די ארבייטער מאסען און ער איז היינט דער זעלביגער לאנדאן, ווי ער איז עס אימער געווען.

גענאסע מאיר לאנדאן איז שטארק באליבט ביי די אידישע ארבייטער אין אמעריקע, און ספּעציעל ביי די אידישע ארגאניזירטע ארבייטער.

מיט יאהרען און יאהרען צוריק, ווען דער „סוועט שאפ" האט געבליהט אויף דער אידישער גאס און די אידישע ארבייטער זיינען די ערגסטע שקלאפען געווען, האבען די סאציאליסטישע און אנארכיסטישע רעדנער און שרייבער פון יענער צייט אנגעפיהרט אן אגיטאציע און א פראפאגאנדא די אידישע ארבייטער צו ארגאניזירען; זיי האבען דורך ווארט און שריפט גערופען די אידישע ארבייטער אין יוניאן אריין! אבער ווער פון זיי האט עס געטאן מיט אזוי פיל איבערגעבענקייט, מיט אזוי פיל ליבע צום טרייד יוניאניזם, ווי דאס האט געטאן מאיר לאנדאן? איז דען פאר איהם עפעס צו שווער געווען, ווען עס האט זיך געהאנדעלט א יוניאן צו ארגאניזירען, אדער דורכצופיהר־

(שלוס אויף זייט 16)

דער וועסט און דרעס מאכער סטרייק אין פילאדעלפיא בעענדיגט

די יוניאן פאנגט אן א פראצעס געגען יענער מאנופעקטשורערס אסס'ן פאר ברעכען דעם טרייד־אגרימענט. — הילקוויט פון ניו יארק און מר. גרעי פון פילאדעלפיא, וועלען פיהרען די קייס פאר דער יוניאן.

דער סטרייק פון די העלדישע וועסט און דרעס מאכער אין פילאדעלפיא, וועלכער האט געדויערט איבער 26 וואכען, איז לעצטען מאנטאג אויפגעגעבען געווארען. פרעזידענט שלעזינגער און סעקרעטער באראף זיינען לעצטען מאנטאג ספעציעל ארויסגערופען געווארען אין פילאדעלפיא בייצואוואוינען א מיטינג פון דעם עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 15, צוזאמען מיט דער גענעראל סטרייק קאמיטע, וואו אלע פאזען פון דעם העלדישען קאמף זיינען גענוי ארומגערעדט געווארען, און עס איז געבליבען, דאס אונטער די איצטיגע אומשטענדען איז דאס בעסטע דעם סטרייק אויפצוגעבען.

דאס מיינט אבער בשום אופן ניט, אז די וועסט און דרעס מאנופעקטשורערס פון דער אסס'ן, געגען וועלכער דער סטרייק איז אנגעגאנגען איבער 26 וואכען, האבען געזיגט. זיי קענען גאנץ באשטימט זאגען: נאך אזא זיג און מיר זיינען פארלארען". ווארום ניט ווייניגע פון זיי זיינען דורך דעם סטרייק איינפאך רואינירט געווארען. מאנכע פון זיי האבען שוין באנקראטירט און אנדערע זיינען ערב באנקראט. זיי זיינען, הפנים, גאנץ פארנארט געווען; זיי האבען געלאזען זיך אויסשטעכען ביידע אויגען אבי אויסצושטעכען ביי זייערע ארבייטער כאטש איין אויג.

די געשיכטע ווידערהאלט זיך. אזא

(שלוס אויף זייט 16)

ביי די קלאוקמאכער אין סינסינעטי

וויס פרעזידענט ווירמאנ׳ס ארבייט ווערט אנערקענט.

די קלאוקמאכער פון סינסינעטי האבען קיין גענעראל סטרייק ניט געהאט, אבער זיי האבען אויך לעצטענס געהאט דורכצומאכען שווערע צייטען צו קאנען ווייטער אנהאלטען אין טרייד די זעלבע ארבייטס באדינגונגען, וואס זיי האבען פריהער געהאט ביז יעצט. און טיילווייז האבען זיי דאס צו פארדאנקען וויס פרעזידענט ווירמאן פאר זיין טאקטישען האנדלען אין קאנפערענץ מיט די איינציגע קלאוק מאנופעקטשורער פון סינסינעטי. דורך זיין טעטיגקייט דארט אלס דער „ספאקסמען" פאר דער יוניאן איז איהם געלונגען אויסצופירען א סך טרא־בעל און די קלאוקמאכער, מיט דער אויפנאהמע פון איין נייעם שאפ, וואס דארט האט זיך ניט לאנג צוריק געעפענט, זיינען אהן א סטרייק פארבליבען ארבייטען אונטער די אלטע ארבייטס באדינגונגען, ווי וואך ארבייט, די 44 שטונדיגע ארבייטס וואך און אזוי ווייטער.

און די קלאוקמאכער פון סינסינעטי האבען אנערקענט און ריכטיג אפגעשאצט ברודער ווירמאנ׳ס ארבייט; זיי האבען דאס געטאן אויף צוויי אופנים. ערשטענס דורך דעם וואס זיי האבען געשיקט א שעהנעם בריף צום דזשענעראל אפיס, באדאנקענדיג די אינטערנעשאנאל פאר דעם וואס מען האט זיי געשיקט ברודער ווירמאן; צווייטענס, דורך דעם, וואס זיי האבען ברודער ווירמאן פרעזענטירט מיט א דיימאנד רינג. אין דעם בריף, וואס די קלאוקמאכער יוניאן פון סינסינעטי האט געשיקט צום דזשענעראל אפיס, ווערט אויך פארלאנגט, דאס וויס פרעזידענט ווירמאן זאל אויף ווייטער פארבלייבען מיט זיי אלס זייער פיהרער און וועגווייזער.

א דאלער א וואך דיוס.

אין סינסינעטי זיינען קיין סך קלאוקמאכער ניטא. אין גאנצען זיינען דארט דא א פאר הונדערט און עס פעלט זיי שווער אויפצוהאלטען א יוניאן. זיי האבען אבער לעצטענס באשלאסען צו מאכען אלע אנשטרענגונגען זייער יוניאן אויפצוהאלטען אויף זייערע אייגענע פלייצעס. און זיי האבען בארייטענר געהעכערט זייער וועכענטליכען דיוס. די אפערייטארס, די מיטגלידער פון לאקאל 68, האבען זיך פארפליכטעט צו צאהלען א דאלער א וואך דיוס און די ארבייטער פון די אנדערע ברענטשעס אין טרייד צו 75 סענט א וואך. און דיזע ארבייטער האבען זיך אויך פארפליכטעט צו צאהלען ווייטערע דיוס פינקטליך, די יוניאן זאל קאנען עקזיסטירען אהן א פינאנציעלען מאנגעל. דאס צייגט, אז אונזערע קלאוקמאכער פון סינסינעטי זיינען גאנץ באוואוסטזיניגע ארבייטער, וואס פארשטעהען אויסגעצייכנעט זייערע אינטערעסען.

א סטרייק ביי קעסלער, גארד און קא.

קעגען איין קלאוק שאפ פון סינסינעטי פיהרט די יוניאן א סטרייק. דאס איז דער שאפ פון דער פירמע קעסלער, גארד און קא.

דער הויפט מאכער פון דער פירמע איז א געוועזענער מענעדזשער פון דער פירמע ציישאפ, סטיירן און קא., וואס האט אויפגעגעבען איהר שאפ, נאך דעם ווי אונזער אינטערנעשאנאל האט געגען איהר אנגעפיהרט א לענגערען סטרייק. יענע פירמע איז נאכ׳ן סטרייק ארויס פון ביזנעס און דער געוועזענער מענעדזשער פון יענעם שאפ האט נאך דעם ארגאניזירט א נייע קאמפאני. אבער די נייע פירמע שניידט זיך צו גערן אויף דעם זעלבען גליטשיגען וועג וואס די אלטע פירמע איז געגאנגען און זי וועט מסתמא האבען דעם זעלבינען סוף.

אלזא, דיזע נייע פירמע האט זיך אנטזאגט צו אנערקענען די יוניאן באדינגונגען. דיזע פירמע וויל האבען אן „אפען שאפ" און די יוניאן האט קעגען איהר דערקלערט א קאמף, צו צווינגען איהר צו נאכקומען די יוניאן באדינגונגען. מיר האפען, אז דער סטרייק וועט שנעל געוואונען ווערען.

האבען זיך געוועלט טעקסען מיט 10 דאלער.

פון וועלכען טיפ יוניאן לייט עס זיינען די קלאוקמאכער פון סינסינעטי באווייזט דאס פאלגענדע:

סינסינעטי איז געווען איינע פון די שטעדט אויפ׳ן באלאט, וואו עס זאל זיין אונזער נעקסטע קאנווענשאן. און די קלאוקמאכער פון דארטען האבען זעהר געוואלט, אז די קאנווענשאן זאל אפגעהאלטען ווערען אין זייער שטאדט. זיי זיינען גרייט געווען זיך צו טעקסען מיט 10 דאלאר א פערזאן צו ארגאנזירען די קאנווענשאן, אויב עס וואלט באשטימט געווארען, די קאנווענשאן זאל זיין אין סינסינעטי.

יוניטי באל פאר רוסלאנד — און ערפאלג

דער יוניטי באל, וואס דער דזשאינט באארד פון די ווייסט און דרעס אינדוסטריע האט ארראנזשירט פאר רוסלאנד, ערב וואשינגטאנ׳ס געבורטסטאג צו נוצען פון די הונגעריגע מאסען אין רוסלאנד, איז געווען אן ערפאלג. דער גרויסער סטאר קאסינא האל אין 107טע סטריט איז געווען איבערפילט מיט ווייסט און דרעסמאכער, און דער גרויסער עולם האט פארבראכט אויפ׳ן שעהנסטען און בעסטען אופן ביז גאנץ שפעט אין דער נאכט אריין.

אויף דעם באל איז זיך צונויפגעקומען די גאנצע יוניטי הויז משפחה. די אלע באזוכער פון די ווייסטמאכער יוניטי הויז, אין פארעסט פארק און עס איז געווען פרעהליך, מונטער און לעבעדיג. עס איז דארט אויך געווען די גאנצע יוניטי הויז קאמיטע, פון לעצטען סעזאן, די וואס האבען לעצטען זומער פארוואלטעט די יוניטי הויז.

צווישען די געסט זיינען אויך געווען אלע באאמטע פון ווייסט מאכער דזשאינט באארד, און דער דזשאינט באארד גופא, און אויך פילע באאמטע פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן.

פון אונזערע אינטערנעשאנאל באאמטע זיינען דארט געווען סעקרעטער באראף, די וויים־פרעזידענטען דזש. האלפערין, הערי וואנדער, מאקס גארעגשטיין און שוועסטער פאניא מ. קאהען.

זאל שוין דא אויך געזאגט ווערען, אז פרעזידענט שלעזינגער איז יענעם אווענט געווען אין פילאדעלפיא און פאלגליך האט ער אויף דעם באל נישט געקאנט זיין.

די קלאוקמאכער יוניאן רופט די מיטגלידער איינצוצאהלען דעם מיליאן דאלאר פאנד

(שלוס פון זייט 1)

נען, א דאנק אונזער איינינקייט, געצוואונגען געווארען נאכצוקומען, דארף זיך ענדיגען דעם קומענדען דזשון. אויף וואס אונזערע מאנופעקטשורערס זיינען פעהיג, דארפען מיר אייך ניט מעהר דערציילען. איהר קענט זייערע מעטאדען. איהר ווייסט די גאנצע פארגאנגענהייט און זייערע האפנונגען, אז זיי וועלען ברענגען די יוניאן צו זייערע קניע, לעבען נאך מיט זיי. זיי האבען נאך ניט אויפגעגעבען די האפנונג ווען עס איז אריינצוזעצען א מעסער אין דעם רוקען פון דער קלאוקמאכער יוניאן.

„דער לעצטער דזשענעראל סטרייק, וועלכער איז נאך גאנץ פריש אין אונזער זכרון, האט באוויזען ווי וויכטיג עס איז פאר אונזער ארגאניזאציאן צו זיין אויף דער וואך און גוט פארבערייטעט. אויב דער אפעטיט פון די קלאוק פאבריקאנטען צו פארניכטען די יוניאן איז געווען אזוי גרויס, טראץ דעם וואס זיי האבען געוואוסט, אז אונזער ארגאניזאציאן איז שטארק און פינאנציעל גוט באוואפנט, ווי גרויס וואלטען נאך געווען זייערע אפעטיטען ווען די יוניאן וואלט געווען שוואך פינאנציעל און דעמאראליזירט אין גייסט?

„מיר שטעהען אויפ׳ן שוועל פון גרויסע פאסירונגען. די מאנופעקטשורערס שארפען ווייטער זייערע ציינער. זיי מאכען ווייטער פארבערייטונגען זיך צו מעסטען אין כוחות מיט אונז. די נייע דערקלערונג, וועלכע זיי האבען געהאט אין דעם לעצטען סטרייק, לאזט זיי ניט רוהען. דער געדאנק אז מען דארף נעמען ראכע פון די ארבייטער באהערשט זיי. זיי מיינען, די קלאוק מאנופעקטשורערס, אז די יוניאן איז פון לעצטען קאמף פינאנציעל אפגעשוואכט געווארען, און דערפאר וועלען זיי איצט האבען די בעסטע געלעגענהייט אונז צו שלאגען.

„יע, ברודער, די מאנופעקטשורערס מאכען פלענער; אבער די יוניאן שלאפט אויך ניט — די יוניאן מאכט אויך פלענער. דער דזשאינט באארד האט באשלאסען ווייטער צו שאפען א גרויסען פאנד — א מ י ל י א ן ד א ל א ר פ א נ ד. דער פאנד מוז געזאמעלט ווערען אין עטליכע וואכען צייט, ווייל דער ערפאלג פון די נעקסטע פארהאנדלונגען (אויב אזעלכע וועלען פארקומען צווישען דער יוניאן מיט די מאנופעקטשורערס) העגנט זעהר פיעל אפ אויף ווי ווייט די יוניאן וועט זיין פינאנציעל פארבערייטעט. דערפאר פאדערען מיר אייך אויף איהר זאלט גלייך באצאהלען די סומע פון צוואנציג (20) דאלאר. איהר קאנט די סומע אויסצאהלען צו פינף (5) דאלאר וועכענטליך.

„מיר ווילען אייך זאגען, אז מיר ווילען ניט קיין קריעג און מיר זוכען ניט קיין נייע מלחמה אין דער אינדוסטריע. מיר ווילען אבער אויך ניט צוריקגעבען קיין זאך פון אונזערע אלטע באדינגונגען, וועלכע מיר האבען געוואונען דורך אפפער און ליידען. אויב די מאנופעקטשורערס ווילען קריעג, וועלען זיי עס האבען ביז׳ן סוף, און מיר מוזען זיין פארבערייטעט.

„פאראייניגטערהייט קוקען מיר דער צוקונפט אין די אויגען און מיט שטאלץ און מיט די בעסטע האפנונגען ערווארטען מיר גוטע רעזולטאטען.

„ד ע ר פ א נ ד מ ו ז ב א ל ד א י נ ג א נ צ ע ן ג ע ז א מ ע ל ט ו ו ע ר ע ן !

מיט ברידערליכען גרוס,

דזשאינט באארד קלאוק, סקירט דרעס און ריפער מייקער יוניאן.

ל. פינקאווסקי, טשערמאן.
פ. קאפלאוויטש, טרעזשורער.
י. פיינבערג, דזש. מענעדזשער.
לואיס לאנגער, סעקרעטער".

עס איז איבעריג צו זאגען, דאס די קלאוקמאכער וועלען ריכטיג באגרייפען דעם גייסט פון דעם אויפרוף און וועלען זיך ווארים אפרופען. מיר האפען דאס עס וועט נישט נעמען לאנג, און דער מיליאן דאלאר פאנד וועט זיין אין דער טרעזשורי פון דער יוניאן. די שעפער וואס וועלען זיין פון די ערשטע איינצוצאהלען, וועלען פארעפענטליכט ווערען אין די „גערעכטיגקייט".

ארבייטער באוועגונג וועט פייערן 50־יעהריגען יובילעאום פון קאנגרעסמאן מאיר לאנדאן

אין ניבען וועט זיין א יום־טוב אין דער סאציאליסטישער און אידישער ארבייטער־באוועגונג. אלע טיילען פון דער באוועגונג האבען זיך פאראייניגט צו פייערן דעם 50־יעהריגען יובילעאום פון גענאסע מאיר לאנדאן, דעם סאציאליסטישען קאנגרעסמאן, געוועזענעם פארדינסטען פאר דער אויפבויאונג פון דער ארבייטער באוועגונג איז גאר ניט אפצושאצען.

דער סאציאליסטישער קאנגרעסמאן איז געווען די נשמה פון אלע אונזערע גרויסע סטרייקס דאן, ווען אונזערע איצטיגע מעכטיגע יוניאנס האבען זיך געבויט. ער איז מיט אונערמידליכער ארבייט געווען פארבונדען מיט אלע טיילען פון דער באוועגונג. עס איז אויך אונזער באוועגונג, וואס האט איהם צום קאנגרעס געשיקט — דעם איינציגען סאציאליסטישען קאנגרעסמאן אין אמעריקא.

צו זיין יובילעאום ווערט ארראנזשירט א גרויסע מאסען־פארזאמלונג אויף שבת, דעם 4טען מארטש, אין לעקסינגטאן אפערא הויז, 51טע סטריט און לעקסינגטאן עוועניו און א פאלקס־באנקעט, וואס וועט זיין דעם 10טען מארטש אין בעטהאווען האל, 210 א. 5טע סט.

עס איז וועגען דעם ארויסגעשיקט געווארען בריף צו 125 יוניאנס פון נויארק, 271 בראנטשעס פון ארבייטער רינג און 46 בראנטשעס פון דער סאציאליסטישער פארטיי. די ארגאניזאציאנען ווערען גערופען צו האנדלען, איבער דעם און ערוועהלען קאמיטעס זיך צו באטייליגען אין דעם לאנדאן־פעסט.

די ארגאניזאציעס, וועלכע שטעלען צוזאמען דעם לאנדאן יובילעאום־קאמיטעט, זיינען די סאציאליסטישע פארטיי, דער ארבייטער רינג, די אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן, די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, דער קעפ מייקערס און מילינערי ארבייטער פארבאנד, די פאריערס יוניאן, דער אידישער סאציאליסטישער פארבאנד און די „פארווערטס" אסאסיאיישאן. מען ערווארטעט אויך, אז דער דזשאינט באארד פון דער אמאלגאמייטעד איז ניו יארק זאל אריינקומען אין דער גרופע ארגאניזאציעס צו עהרען דעם סאציאליסטישען קאנגרעסמאן. די באאמטע פון דער יובילעאום קאמיטע זיינען: בענדזשאמין שלעזינגער, עהרען־טשערמאן; דזש. ראטמאן, פון ארבייטער רינג, טשערמאן; א. שעהנבערג, פון „פארווערטס" אסס׳ן, און א. נעגין, פון דער סאציאליסטישער פארטיי, סעקרעטער. פאר אלע אינפארמיישאן זאל מען זיך ווענדען צום סעקרעטער אויפ׳ן אדרעס: 61 קאנאל סטריט.

אויסער ארגאניזאציעס נעהמט די קאמיטע אריין א גרויסע גרופע באקאנטע פיהרער און טוער אין דער ארבייטער־באוועגונג.

א׳ פארביטערטער סטרייק געגען א „בעטה־ראוב" פירמע

שוין ניין וואכען צייט ווי דא אין ניו יארק געהט אן א פארביטערטער סטרייק געגען דעם בעטה־ראוב שאפ פון דער פירמע ה. קויפמאן, 116 וועסט 23טע סט.

מיט דעם סטרייק איז פארבונדען א געשיכטע פון א געוויסען יוניאן־רענעגאט, א געוועזענער, מישטיינסגעזאגט „ארבייטער פיהרער", וועלכער דינט יעצט דעם קאפיטאל מיט דער גאנצער קליינליכקייט פון זיין פארקויפליכער, קליינישקער הינטישער נשמה׳לע. וועגען דעם נפש וועלען מיר נאך רעדען אביסעל שפעטער.

דער שאפ איז אימער געווען א יוניאן שאפ. טראבעל האט זיך דארט אנגעפאנגען, זינט אז דער [illegible], מישטיינס געזאגט, „ארבייטער פיהרער", האט פארלאזען די יוניאן־רייהען און האט זיך אין דינסט געשטעלט פון דער פירמע. אהן א פארוואס האט דאן די פירמע ארויסגעווארפען 21 ארבייטער פון דעם שאפ, און וואס האט די יוניאן אין אזא פאל געקאנט טאן, אויב נים ערקלערען דעם שאפ אין סטרייק?

די וואך האט די פירמע ארויסגענומען געגען דער יוניאן א „טעמפארערי אינדזשאנקשאן". די פירמע איז געגאנגען אין קאורט נאך א אינדזשאנקשאן, טראץ דעם וואס זי האט געבראכען אן אגרימענט מיט דער יוניאן, וואס האט געדארפט זיין אין קראפט ביז צו ענדע פון מאנאט דזשולוי. די יוניאן וועט דאס באווייזען אין קאורט ווען א פארהער וועט פארקומען און דער אינדזשאנקשאן געגען דער יוניאן וועט געווים צוריקגעצויגען ווערען. דער סטרייק וועט יעדענפאלס פארגעזעצט ווערען ביז די פירמע וועט נאכגעבען די גערעכטע פאדערונגען פון די ארבייטער פון דעם שאפ.

דער סטרייק איז אונטער׳ן אויפזיכט פון ברודער ה. גרינבערג, דער מענעדזשער פון די טשילדרענס דרעסמאכער יוניאן לאקאל 50.

אלזא, דער סטרייק געגען דער דערמאנטער פירמע געהט אן שוין 9 וואכען צייט. אין דעם סטרייק זיינען פארוויקעלט ארום 75 ארבייטער, מעהרסטענס מיידלאך.

די פאליטישע קאנפערענץ פון די אמעריקאנער ארגאניזירטע ארבייטער.

(שלוס פון זייט 1)

פאראייניגען אין איין פארטיי פאר פאליטישער אקציאן. פון די ריילראוד ארבייטער זיינען אפילו דא פארטרעטער, וואס דענקען, אז „די גוטע מענשען פון די אלטע פארטייען" זיינען־נאך „גוט גענוג", אבער זיי וועלען העכסט וואהרשיינליך ניט האבען קיין איינפלוס אויף דעם גאנג פון דער קאנפערענץ.

דערווייל, נאטירליך, איז נאך קיין ממשות׳דיגעס ניט אויסגעטאן געווארען.

עס זיינען שוין אויסגעקליבען געווארען צוויי קאמיטעס, אן „ארגאניזיישאן קאמיטע" און א „פראגראם קאמיטע". די פראגראם־קאמיטע דארף אויסארבייטען א פראגראם פאר פאליטישער אקציאן פון דער נייער פארטיי. גענאסע מארים הילקוויט איז אפאינטעט געווארען אין דער ארגאניזיישאן קאמיטע.

די מיינונג אויף דער קאנפערענץ איז, דאס די באריכטען, וואס וועלען אריינגעבראכט ווערען פון דיזע צוויי אפאינטעטע קאמיטעס, וועלען באשטימען דעם שיקזאל פון דיזער קאנפערענץ.

ה. סקולמאן.